Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 35 | Łódź, Czwartek, 9 lutego 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, י״ג שבט תרצ״ג | № 35

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

דאס פאלק זאל היטלער׳ן פערשטיינען

אבער ער וועט דאר אויספיהרען זיין פלאן

אזוי ערקלערט ער פאר דער פרעסע

בערלין, 8 (ספ. טעל.)

היטלער האט היינט געגעבען א׳אינטערוויאו דער פרעסע, אין וועלכען ער האט מאטיווירט די נויטווענדיגקייט פון די פרעסע-רעפרעסיעס, מחמת דער שטעלונג פון געוויסע לינקע ארגאנען.

היטלער רעכענט זיך מיט דער מעגליכקייט פון א פארלאמענט-מעהרהייט געגען דער רעגירונג. ער האלט אבער אזא מעהרהייט פאר א נעגאטיווע.

אנ׳איינציגע מעהרהייט, וואס זאל פעהיג זיין צו א פאזיטיווער ארבייט, וועלען בילדען אזעלכע גרופען, וואס וועלען אונטערשטיצען דעם איצטיגען דייטשען קאבינעט.

היטלער האט אונטערגעשטראכען, אז ער איז גרייט איבערצוגעבען זיין אמט צו דער דיספאזיציע פון אנדערע ערשט נאך דעם, ווי ער וועט האבען זיין מיסיע געענדיגט.

אין 10 יאהר ארום – האט ער דערקלערט – וועט שוין אין דייטשלאנד נישט זיין קיין סימן פון מארקסיזם.

אין דער שטרעבונג צו זיין לעצטען ציל איז היטלער גרייט צו בעגעגענען זיך מיט דער גרעסטער אונפאפולערקייט, און ער וועט נישט אפשטעלען, ווען אפילו דאס פאלק זאל איהם פערשטיינען!..

אויסערן-מיניסטער בעק זאל ווערען פרעמיער?

וו א ר ש א, 8. (טעלעפאניש).

אין די בעכטיגע ווארשאווער אוועגד-צייטונגען האט זיך בעוויזען א ידיעה, אז דער אויסערן-מיניסטער בעק, זאל ווערען פרעמיער.

אין די פאליטישע קרייזען הערט מען טאקע, אז אזא ענדערונג זאל פארקומען, אבער ערשט דערמאלט, ווען די נאציאנאל-פערזאמלונג וועט האבען געוועהלט א פרעזידענט.

דער קאנדידאט פון ב.ב. אויף דעם אמט זאל זיין, ווי מען הערט, דער איצטיגער פרעמיער, פריסטאר,

שוין נאך דעם פערענדיגען די סיים-סעסיע, זאל פרעמיער פריסטאר ארויספאהרען אויף אורלויב, אזוי אז פאר דעם 4 מאי זאל ער זיך צוגרייטען צו די נייע פונקציעס, נאך די וואהלען, דעם 4 מאי זאל פארקומען א רעקאנסטרוקציע פונ׳ם קאבינעט און אין דער שפיץ זאל אוועקגעשטעלט ווערען אלס פרעמיער און אויסערן-מיניסטער, בעק.

גובערנאטארען-קאנפערענץ

צוזאמענגערופען געווארען אינ׳ם „ווייסען הויז“

לאנדאן, 8 (ספ. טעל.)

פון וואשינגטאן איז מען מודיע, אז די גובערנאטארען פון גאנץ אמעריקא זענען צוזאמענגערופען געווארען אויף א קאנפערענץ אינם „ווייסען הויז“ – אויפ׳ן 6 מערץ.

די דאזיגע קאנפערענץ, וואס וועט פארקומען צוויי טעג נאכ׳ן איבערוויזען די מאכט צום נייעם פרעזידענט, וועט ארומרעדען אלע וויכטיגסטע נאציאנאלע אויפגאבען, און אין דער ערשטער רייהע די פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט און שטייערן.

עס איז מעגליך, אז אויך דאס פראבלעם פון די אינטערנאציאנאלע חובות וועט ארומגערעדט ווערען אויף דער דאזיגער קאנפערענץ.

לייטער פון דער פרייסישער פרעסע-שטעלע קארלאוויץ איז אראפ אין דימיסיע.

דער צווייטער טאג פונם אפעלאציע-פראצעס

פון „צענטראלעוו“

ווארשא, 8 (טעלעפאניש)

היינט איז אין אפעלאציע-געריכט דורכן ריכטער כאדעצקי רעפערירט געווארען באריכות דער צונאנג פונם „צענטראלעוו“-פראצעס.

די ענדע פונם פראצעס ווערט אפגעווארט פרייטאג.

שארפער ארויסטריט פון דעפ. זשולאווסקי

אויף דער נעכטיגער נאכמיטאג-זיצונג פון סיים

וואַרשאַ, 8. (טעלעפאניש).

די היינטיגע סיים-זיצונג האט זיך אנגעהויבען מיט דער ווייטערדיגער דיסקוסיע איבער׳ן בודזשעט פונ׳ם בילדונגס-מיניסטעריום.

דער עיקר איז די דיסקוסיע געווען געווענדעט געגען די בעכטיגע אויספיהרונגען פונ׳ם דעפ. קאַר־בעצקי (ענדעק).

א בעזונדער שארפען אפשניט האט ער געהאט פונ׳ם רעפערענט דעפ. ודזשיסלאוו סטראנסקי.

די ביידע האבען זיך דערביי געווידעלט מיט אויסגעשריי׳ען: „פראוואקאטאר“, און זענען דעריבער גערופען געווארען צו ארדענונג דורכ׳ן מארשאלעק.

עס איז אויך פארגעקומען די דיסקוסיע איבער די בודזשעטען פון קאמוניקאציע-מיניסטעריום און אינערן-מיניסטעריום.

וואַרשאַ, 8. (טעלעפאניש).

אויף דער נאכמיטאג-זיצונג בעת דער דיסקוסיע איבער׳ן בודזשעט פון אינערן-מיניסטעריום האט גערעדט דער דעפ. סמאלא („וויזוואלעניע“).

ווי בעקאנט איז דעפ. סמאלא מיט עטליכע טעג צוריק פערמשפט געווארען דורכ׳ן אפעלאציע-געריכט אויף צוויי יאהר טורמע.

בעת ער איז ארויף אויף דער טריבונע, האבען איהם די לינקע בעגעגענט מיט׳ן אויסרוף „זאל לעבען!“

אין זיין רעדע האט ער בעריהרט די רדיפות אויף פויערים און וועלכע ער זעהט אין א ספעציעלן סיסטעם.

א זעהר שארפע רעדע האט געהאלטען דער דעפ. זשולאווסקי. (פ.פ.ס.) וועלכער האט געטענהט, אז די איינציגע צופרידענע פון דער איצטיגער סיטואציע זענען בלויז אפיציעלע פערזאנען, וואס זעהן אלץ אין דער בעסטער ארדנונג.

דערנאך האט ער ציטירט די דערקלערונגען פון מארשאל פילסודסקי און רעד. סטשיטשינסקי אין יאהר 1926, וועלכע ער האט פערגליכען מיט דעם, וואס עס טוט זיך איצט אין דער ווירקליכקייט.

דער רעדנער האט דערנאך אנגעגעבען די שכירות פון די הויכע בעאמטע, ווי פונ׳ם פרעז. מאציעשעווסקי, וועלכער בעקומט 140 טויזענד זל. און פונ׳ם פרעזעס ווראבלעווסקי וועלכער בעקומט 144 טויזענד זלאטעס.

דעפ. קלעשטשינסקי (בעבע): — א ליגען! עס איז געווען אנ׳אויסבעסערונג! איך איז א שאר דעם פאסטען אין דער קראנקען-קאסע...

דעפ. זשולאווסקי: — פון פילסודסקין ביז סאנאציע׳ן וועט איהר מיר נישט אבווייזען א בענשען, וועלכער זאל אזוי ווי איך שטיין בראש פון אנ׳אינסטיטוציע, וואס מאכט אומזאץ צוואנציג מיליאן זלאטעס און בעקומט דערפאר 60 זלאטעס חודשליכע בעלוינונג אין דער פארם פון צוריקגעקעהרטע דיעטעס און פאר דראושקעס.

דעפ. קלעשטשינסקי: — אייער גאנצע משפחה זיצט אין דער קראנקען-קאסע.

דעפ. זשולאווסקי: — איך האב 6 ברידער און קיין איינער פון מיר איז נישט אנגענומען געווארען אין דער קראנקען-קאסע.

דער בילדונגס-מיניסטער האט בעטען בעצייטענס דאס בעווארפען פראפעסארען מיט פערשטונקענע אייער — מיט די ווערטער: פחדנות און לייזאצטווע. איך בין דערויף מסכים, אבער אויף מיינע ליפען קלינגט עס קלאר און ארענטליך בעת אויף די ליפען פונ׳ם אנדערען צד קלינגט עס אומפערשטענדליך.

דעפ. זשולאווסקי ענדיגט זיין רעדע מיט א שארפער ווענדונג צו די מאכטען.

דעפ. סאנאציא (בעבע) טאדעלט אין זיין רעדע דעם אופן פון דעפ. זשולאווסקיס רעדען, בעצייכענענדיג איהם אלס א פערברעכער.

דעפ. לוצקי (אוקראינער) בעקלאגט זיך אויף די פערהעלטענישען אין מזרח-גאליציען און וואלין און זאגט אז ער וועט שטימען געגען בודזשעט.

דערמיט איז די זיצונג פערענדיגט געווארען.

די היינטיגע סיים-זיצונג איז בעשטימט געווארען אויף 12 בייטאג.

דאקטוירים זאגען, אז ריינקייט איז געזונד אונז געזונד איז פערמעגען!!!

די ניי-ערעפענטע כעמישע וועשעריי אויף

פעטריקאווער 21

פראנט, 1-טער שטאק

נעהמט אן כעמיש צו וואשען, פוצען, פארבען אויך צו רעפערירען אלערליי דאמען-, מענער- און קינדער-גארדעראבען, ווי אויך ווייסע וועש צו זעהר ביליגע פרייזען.

בעמ.: די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט דורך ערשטקלאסיגע פאכמענער. פאר ארבייטסלאזע פון 15 ביז 25% ביליגער. געדענקט דעם אדרעס פעטריקאווער 21, פראנט, 1-טער שטאק.

סלאדזשינעס

פון דער בראוועריי הראבאווסקי

זגערזשער 73, טעל. 112-77

ביליג צו פערקויפען.

צו ערפאהרען אויפ׳ן ארט. 585

אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9–1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

פאר גאלד, בריליאנטען, בּיזשוטעריע

און לאמבארד-קוויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזען

יאזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

Dyrekcja

ŁÓDZKIEGO TOWARZYSTWA ELEKTRYCZNEGO, SPÓŁKI AKCYJNEJ,

(Elektrownia Łódzka)

zawiadamia PP. Odbiorców, że ceny energji elektrycznej za miesiąc **styczeń 1933 roku**, obliczone na dzień 7 lutego 1933 roku stosownie do §§ 75, 80, 81, 82 i 96 uprawnienia rządowego Nr. 12, wynoszą za jedną kilowatogodzinę **dla światła 90,96 gr. a dla siły 33,69 gr.** z opustami, przewidzianemi w uprawnieniu rządowem.

Zarazem zaznacza się, że obliczone podług uprawnienia i podane powyżej ceny nie wpłyną na zmianę dotychczas pobieranych cen za energję elektryczną. 587

ZAKŁADY TOMASFOSFATOWE

Sp. z ogr. odp.

Hurtownia nawozów sztucznych

Katowice, ul. Kopernika 14.

Dostarcza: **tomasynę** oraz wszelkie inne nawozy sztuczne.

עמיר אבדולאה און 21 שייכען

פאדערן צו דערלויבען יודען קויפען ערד אין עבר-הירדן

מעמאריאל צום הויך-קאמיסאר וועגען דער נויט אין עבר-הירדן

ירושלים. 8. (יט"א טעלעגראפיש).

א סענסאציאנעלע ווענדונג איז אנגעקומען פון עבר־הירדן צום הויך־קאמיסאר.

דער עמיר אבדולאה האט דעם הויך־קאמיסאר צוגעשטעלט א מעמאריאל אונטערגעשריבען פון 21 איינפלוסרייכע שייכען פון עבר־הירדן, אין וועלכען די פאדערן צו ערלויבען יודען קויפען ע"ד אין עבר הירדן צוליב די גרויסע נויט אין לאנד.

פאר דער ווענדונג איז אין אמאן פארגעקומען א גרויסע פערזאמלונג פון שייכען, אויף וועלכע ס'איז ארומגערעדט געווארען די שרעקליכע לאגע אין לאנד. העכער 70 פראצענט פון די בהמות זענען אומגעקומען פון הונגער.

מכוח א פראנצויזיש-דייטשער דערנעהנטערונג

פאריז, 8. (ספ. טעל.)

די וואכענשריפט „מאריאנע", דרוקט איצט אן אנקעטע וועגען די ענגליש־פראנצויזישע בעציהונגען.

אין דעם לעצטען נומער האבען זיך ווענ׳ען דעם ענין ארויסגעזאגט מאקדאנאלד, דער געוו. אויסערן מיניסטער טשעמבערלען און דער פינאנץ־קאנצלער בעוויל טשעמבערלען.

אויסטען טשעמבערלען שטרייכט אונטער, אז די הויפט־איפגאבע איצט איז א פראנצויזיש־דייטשע דערנעהנטערונג, און אז אלע אנדערע אינטערנאציאנאלע פראבלעמען זענען פון איהר אפהענגיג.

דייטשלאנד האט זיך אפגעזאגט אין לאקארנא פון עלזאס־לאטרינגען.

אויפ׳ן יסוד פון דעם אפמאך קאן מען פון דייטשלאנד פאדערן די פערפליכטונג, אז זי וועט נישט ארויסטרעטען אין א מלחמה, כדי צו דערגרייכען טעריטאריאלע ענדערונגען.

קאנאדע זאגט זיך אפ צו געבען א קרעדיט-גאראנטיע די סאוויעטען

לאנדאן, 8. (ספ. טעל.)

פון ניו־יארק איז מען מודיע, אז די אונטערהאנדלונגען צווישען די סאוויעטען און קאנאדא מכוח דעם אויסטויש פון 100 טויזענד קאפ קאנאדיש פיה אויף סאוויעטישע קוילען און נאפט, טרעפען אן אויף שוועריגקייטען.

די קאנאדישע רעגירונג האט אפגעזאגט די סאוויעטען צו געבען א קרעדיט־גאראנטיע אין דער הויך פון פיר מיליאן דאלאר.

רעכטער בלאק אין דייטשלאנד

בערלין, 8. (ספ. טעל.)

„דויטשע אלגעמיינע צייטונג" איז מודיע, אז צווישען בעזונדערע רעכטע גרופירונגען קומען פאר אונטערהאנדלונגען וועגען בילדען א געמיינזאמען בלאק ביי די קומענדע וואהלען צום רייכסטאג.

אין די דאזיגע אונטערהאנדלונגען שפילט א בעדייטענדע ראלע דער וויצע־קאנצלער פאן־פאפען.

אינ׳ם בלאק וואס טרעט ארויס א.נ. „קריסטליך־נאציאנאלע געמיינזאמקייט" זאלען אריין: די דייטש־נאציאנאלע, פאלקס־פארטיי, קריסטליך־געזעלשאפטליכע, פויערים־פארטיי, לאנדפאלק, און שטאלהעלם.

די פאלקס־פארטיי האט אויסגעדריקט איהר הסכמה, אויב די דייטש־נאציאנאלע וועלען זיך אנשליסען אינ׳ם בלאק.

אין דעם דאזיגען פאל וועלט די קאנדידאטור פון פאפענן ארויסגערוקט געווארען אינ׳ם וועסטפאלער קרייז.

א בילד פון שרעקליכען אויפרייס אין די אויטא-פאבריקען פון רענא אין פאריז

אומצופרידענהייט מיט דאלאדיע׳ס פראגראם

פאריז, 8. (ספ. טעל.)

דער פינאנץ־פלאן פון דער רעגירונג וואס איז אריבערגעשיקט געווארען אין דער פינאנץ־קאמיסיע פון פארלאמענט האט אנגעטראפען אויף א שלעכטע אויפנאהמע.

א דעלעגאציע פון בעאמטען־פעראיין האט ערקלערט אז זי בלייבט אויף איהר פריהעריגער שטעלונג און קאן נישט מסכים זיין אויף די צו שווערע קרבנות, וואס די רעגירונג פאדערט.

אין [illegible]סעל איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון די קליינהענדלער און האנדווערקער געגען די פראיעקטירטע שטייערן.

די דעמאנסטראנטען דראהען מיט צומאכען זייערע געוועלבער און ליקווידירען די געשעפטען.

צווישען די רעכטע פארלאמענט־גרופע ווערט דער פינאנץ־פראיעקט פון דעלאדיעס קאבינעט שארף בעקעמפט.

„עקא דע פארי" דערקלערט, אז דער איינציגער אויסוועג אויף ארויסצוגיין פון דער סיטואציע איז דאס פונאנדערלאזען דעם פארלאמענט און ענדערען די קאנסטיטוציע פון 1875, וואס פאסט זיך נישט פאר די איצטיגע פערהעלטענישען.

א הלואה פאר עסטרייך

לאנדאן, 8. (ספ. טעל.)

דער פארלאמענט האט אנגענומען אין דער צווייטער לעזונג דעם געזעץ־פראיעקט בנוגע גאראנטירען א הלואה פאר עסטרייך.

נייע דייטשע נויט-פעראָרדנונג פערוועהרט ארויס-טרעטונגען געגען רעליגיעזע געמיינשאפטען

בערלין, (יט"א). די נייע נויט־פעראָרדנונג פון רייכס־פרעזידענט וואס בעגרעניצט די פרייהייט פון פערזאמלונגען און פרעסע, זעהט צוו. אנד. פאר אז עס דארפען אויפגעלעזט ווערען פערזאמלונגען וואס זענען געווענדעט געגען יעדער רעליגיאנס־געמיינשאפט פון עפענטליכען רעכט אדער געגען די מנהגים און פערהייליגטע געגענשטאנדען פון יעדער עפענטליך־אנערקענטער רעליגיע. דאס זעלבע איז אויך נוגע פעריאדישע שריפטען, וואס טרעטען ארויס געגען רעליגיעזע געמיינשאפטען.

אויפ׳ן יסוד פון דעם דאזיגען פאראגראף פון דער נויט־פעראָרדנונג וועט אלזא די אדמיניסטראטיווע מאכט דארפען פערפאלגען יעדע עפענטליכען ארויסטריט אויך געגען דער יודישער געזעלשאפט, וועלכע איז אן עפענטליך־אנערקענטע רעליגיאנס־געמיינשאפט.

מען מוז דערביי ערווארטען, בעמערקט דער צו מיט איראניע די דעמאקראטישע פרעסע, אז די נאציאנאל־סאציאליסטישע פרעסע וועט זיך אין דער דאזיגער ריכטונג ארויפלעגען א צוים אויפ׳ן מויל...

ד"ר דוד אלקאליי,

דער פערשטארבענער פרעזידענט פון דער ציוניסטישע ארגאניזאציע אין יוגאסלאוויען.

בעלגראד, (יט"א). דער איצט פערשטארבענער פרעזידענט פון דעם ציוניסטישען לאנדעס־פערבאנד אין יוגאסלאוויען דר. דוד אלקאליי האט געשטאמט פון אן אלטער יחוסדיגער ספרדים־משפחה וואס איז געקומען אויפ׳ן באלקאן מיט׳ן גלות־שפאניען. דר. אלקאליי איז געבוירען געווארען אין 1862 אין בעלגראד. האט שטודירט יורי אויף דייטשע און עסטרייכישע אוניווערזיטעטען. אין 1885 האט ער אלס פרייוויליגער זיך בעטייליגט אין באלקאן־קריג געגען טערקיי. דר. אלקאליי איז אין סערביען געווען דער ערשטער יודישער אדוואקאט מיט׳ן דאקטאר־טיטול.

דר. אלקאליי איז געווען בעפריינדעט מיט דר. הערצל און האט זיך בעטייליגט אין ערשטען און פיל שפעטערע ציוניסטישע קאנגרעסען. אין בעלגראד האט ער געגרינדעט דעם פעראיין „ציון" און איז אלע יאהרען געשטאנען בראש פון דעם פעראיין. מען גלויבט, אז דר. אלקאליי האט געריצט דר. הערצלן (אלס פראטאטיפ פון אלאדין, דעם שעף פון באדען־איינקויף אין זיין „אלט־ניילאנד").

זייט 1924 איז דער פערשטארבענער געווען פרעזידענט פון יוגאסלאווישען ציוניסטישען לאנדעס פערבאנד. ער איז מעהרערע מאל פאר זיינע פערדינסטען בעעהרט געווארען מיט פערשידענע אויסצייכנונגען.

די יוגאסלאווישע פרעסע האט געווידמעט דעם אנדענק פון פערשטארבענעם ווארעמע ארטיקלען.

אויסצייכנונג פון צוויי יודישע סטודענטען אויף דער זאגרעבער אוניווערזיטעט

בעלגראד, (יט"א). די יעהרליכע קעניגליכע פרעמיע פאר די בעסטע שריפטליכע ארבייטען פון אוניווערזיטעטס־סטודענטען איז ה.י. אנערקענט געווארען די צוויי יודישע סטודענטען פון דער זאגרעבער אוניווערזיטעט ניקאלא ראטה (פילאזאפישע פאקולטעט) און פאול שווארץ (טעכנישע וויסענשאפטען). חוץ זיי זענען פרעמירט געווארען 6 סערבישע סטודענטען.

לובאוויטשער רבי איז בערלין

בערלין, (יט"א). דא ווילט איצט דער לובאוויטשער רבי, וואס וואוינט זייט איינציגע יאהר בקביעות אין ריגע, דער לובאוויטשער רבי וועט אין בערלין פערבלייבען צו קוראציע־צוועקען עטליכע וואכען.

פון דער לאדזער בערזע

באנק פאלסקי	— — —	31.50
3 פראצענטיגע בוראוולאנע	—	44.—
4 „ דאלארובקא		59.—
7 „ סטאביליזאציע (אמ.)		57.—
8 „ ווארשעווער פאנד־בריף		44.25
8 „ לאדזער		43.—
ענגלישע פונט	— — —	30.60
דאלאר	— — — —	8.91

ראדיא-פראגראם

דאנערשטאג, דעם 9 פעברואר 1933

11,40 טעגליכער פרעסע־איבערזיכט. 11.50 מעטעאראלאגישער קאמוניקאט. 12,10 גראמאפאן. 12.30 קאמוניקאט. 12 35 שול־פריהמארגען. 3,10 קאמוניקאטען. 3,25 גראמאפאן. 3,35 רעפערטאט. 3.50 גראמאפאן. 4,25 לעקציע פראנצויזיש. 4,40 רעפעראט. 5,00 גראמאפאן. 5,40 פארלעזונג. 6,00 לייכטע מוזיק. 6,45 „לאדזער פאסט־קעסטעל". 7,00 פערשידענעס. 7,20 קאמוניקאט פון לאדזער האנדעלס־קאמער. 7.30 ליטערארישע פערטעל שעה. 7 45 ראדיא־פרעסע. 8,00 קאנצערט׳ בעת דער פויזע: ספארט־ידיעות און ראדיא־פרעסע, 9,30 אודיציע. 10.15 גראמאפאן. 10,55 קאמוניקאטען. 11,00 טאנץ־מוזיק.

אויסלאנד

6,30 קעניגסוואוסטערהאוזען — פידעל־רעציטאל. 7,00 בוקארעשט — אפערע. 7,30 העלסינגפארס — קאמפאזיטארען־קאנצערט. 7,35 פראג — אפערע. 8,00 פראנקפורט — אפערעטע. 8,45 רוויע — סימס. קאנצערט. 9,30 שטראסבורג — אפערע.

דאס לעבען אין ארץ-ישראל

(לעצטע ידיעות פון דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור)

נחום סאקאלאוו, ארלאזאראוו און ניומאן

קאנפערירען מיט׳ן הויך-קאמיסאר

ירושלים, 8. (יט"א טעלעגראפיש).

נחום סאקאלאוו, ד"ר ארלאזאראוו און ניומאן האבען אפגעהאלטען א וויכטיגע קאנפערענץ מיט׳ן הויך־קאמיסאר.

דר. אלעקסאנדער גאלדשטיין ביים הויך-קאמיסאר סער ארטור וואוקאפ

ירושלים, קרין ארץ־ישראל איז אנגעקומען אויף א קורצען אויפענטהאלט דער בעקאנטער טוער פון קרן־היסוד דר. אלעקסאנדער גאלדשטיין, וועלכער איז אויפגענומען געווארען אויף א לענגערע אודיענץ דורך דעם הויך־קאמיסאר גענעראל סער ארטור וואוקאפ. דער הויך־קאמיסאר האט זיך פערינטערעסירט בעזונדערס מיט דער פאלעסטינא־ארבייט אין דרום־אפריקע, וואו דר. גאלדשטיין האט צוזאמען מיט דר. חיים ווייצמאן געפיהרט די לעצטע קרן־היסוד־אקציע.

נאך 4 חדשים ליקווידירט דער שטרייק אין פרומינס ביסקוויטן-פאבריק אין ירושלים

אויף וועלכע בעדינגונגען איז ליקווידירט געווארען דער שטרייק?

ירושלים, היינטיגען זונטאג איז ליקווידירט געווארען דער שטרייק אין דער ירושלימער ביסקוויטען־פאבריק פון פרומין, וואס האט געדויערט פיר חדשים צייט. ווי בעקאנט איז דער שטרייק אין דער פרומין־פאבריק געווען די סיבה פון לייד[illegible] דענשאפטליכע קאמפען אין יודישען אר[illegible]לאנד אין א״י, בעזונדערס מחמת דעם פערביטערטען קאנפליקט צווישען דער הסתדרות העובדים, און דעם „ארגון" פון די רעוויזיאניסטישע ארבייטער. דער דאזיגער קאמף האט געפונען א שטארקען אפקלאנג אין דער גאנצער יודישער וועלט און איז אין משך פון א לאנגער צייט געשטאנען אין צענטער פון דער אויפמערקזאמקייט פון יודישען ישוב אין ארץ־ישראל.

די ליקווידאציע פון שטרייק אין דער פרומין־פאבריק איז צושטאנדגעקומען אויף פאלגענדע בעדינגונגען: ערשטענס, פרומין אנערקענט די התאחדות, דורך וועלכער ער איז זיך מתחייב אנצונעהמען ארבייטער; צווייטענס אלע שטרייקענדע ארבייטער ווערען צוריק אנגענומען צו דער ארבייט; דריטענס, פרומין איז זיך מתחייב צו בעשעפטיגען 80 פראצענט ארבייטער פון דער הסתדרות און פערטענס, פון די 25 רעוויזיאניסטישע ארבייטער, וואס זענען געווען בעשעפטיגט אין פרומינס אונטערנעהמונג, פערבלייבען אין איהר אויף א צייט פון 8 חדשים בלויז צעהן ארבייטער.

א בונט אויף א קרייצער=שיף

מ'זאל אויף איהר האבעז אויסגעהרגעט אלע אפיצירעז

ל א נ ד א ן, 8 (ספ. טעל.)

די צעבונטעוועטע האלענדישע קרייצער-שיף „דע זעווען פראווינציען" שווימט אין דער לענג פון ארכיפעלאג מענטאווי, אין דער ריכטונג פון די קאקאס-אינזלען.

די דאזיגע ידיעה גיט אן קיין באטאוויען דורך ראדיא איינע פון די דאמפער - שיפען, וואס האט באגעגעגט די קרייצער-שיף אין פולען ים.

אלס כאראקטעריסטיש ווערט אנגעגעבען דער פרט, וואס אויף איהר איז גישטא די האלענדישע פאהן.

ה א א ג, 8 (ספ. טעל.)

די ידיעה וועגען דעם בונט אויף דער פאנצער-שיף האט געמאכט אין גאנץ האלאנד א שטארקען רושם.

דאס געיעג נאך דער שיף דורך דער עסקאדרע אין באטאוויען האט נישט געגעבען קיין רעזולטאט.

ידיעות, וואס שטאמען פון איינעם פון די אונטער-אפיצירען, וועלכען עס איז געלונגען צו ענטלויפען פון דער צעבונטעוועטער שיף — זענען אלע אפיצירען אויף איהר דערהרגעט געווארען דורך די האוואיער.

מען טיילט אויך מיט, אז די הארמאטען פון דער צעבונטעוועטער שיף האט געשאסען אויף דעם דאמפער „קאביקל פאקעטווערט. וועלכער איז גע-שוואומען קיין אינדיען.

דאס וואלט געווען א סימן, אז „דע זעווען פראווינציען" ווערט א שיף פון ים-גזלנים, וואס זייהט חורבן און טויט אויף איהר וועג.

די ענגלישע אדמיראליציע אין סינגאפור האט מסכים געווען אויף ענגען קאנטאקט מיט דער האלענדישער מאכט בנוגע דעם בונט אויף דער קרייצער-שיף.

פאלק. וואלטער פאן ר...ע.אן איז בעשטימט געווארען אלס שעף פון רייכסוועהר-מיניס-טעריום.

צום בונט אין האלענדישען פלאט. דער שעף פון האלענדישען קריגס-פלאט וויצע-אדמיראל אסטען.

דער בונט שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג אין די האלענדישע קאלאניעס.

אויף דער נעכטיגער אויסערארדענטליכער זיצונג פונ'ם פארלאמענט אין האאג האט דער מיניסטער פאר נאציאנאלער שוץ דערקלעהרט, אז אלע ים-כוחות פון האלענדיש-אינדיען וועלען קאנצענטרירט ווערען, בכדי צו דערשטיקען דעם בונט אויף דער קרייצער-שיף.

— עס קען קיין רייד נישט זיין וועגען אונטערהאנדלען מיט די צעבונטעוועטע — האט דער מיניסטער צוגעגעבען — די רעגירונג וועט האנדלען מיט קראפט!

עס זענען קאנצענטרירט געווארען א סך שיפען אין דער בעגענד פון דרום-סומאטרא.

מחמת די אומרוהען אין אלע ים-באזעס פון יאווא און סומאטרא, האבען די אייראפעאישע אפיצירען אנגענומען ספעציעלע שוץ-מיטלען.

אין איינינע פארטען איז פארארדענט געווארען קריגס צושטאנד.

עס ווערט פארגעזעהן א שארפער קאמף מיט די ווידערשפעניגע.

לויט דערוויל נאך נישט פעסטגעשטעלטע

א היטלעריסטישע רעדע דורכ'ן אמעריקאנער ראדיא

טראנסמיטירט קיין דייטשלאנד

דאס אמעריקאנער ראדיא שאקעלט זיך אפ פון די רעדעס

ב ע ר ל י ן, (י.ט.א.) די „נאציאנאלע ראדיא-געזעלשאפט אין אמעריקע" האט טראנסמיטירט קיין דייטשלאנד א רעדע פון דעם אמעריקאנער היטלעריסטען-פיהרער לידעקע, וועלכער האט דער-צעהלט זיינע צוהערער, אז אמעריקע הויבט איצט אן צו פערשטעהען און שעצען היטלערן.

די „אזוי-גערופענע דייטשען", האט לידעקע געזאגט צוו. אנד., וועלכע פלעגען ביז-איצט ארומרייזען אמעריקע און פערפיהרט די אמעריקא-נער עפענטליכע מיינונג מיט זייער פאלשען פאר-שטעלען דעם מצב-העניניםאין דייטשלאנד, זענען איצט דיסקרעדירט געווארען דורך דעם היטלער-נצחון. די אמעריקאנער פרעסע זעהט איצט די לאגע אין דייטשלאנד אזוי ווי זי איז אין דערווירקליכקייט און האלט היטלערן פאר דעם זיגער.

די אמעריקאנער, האט לידעקע פערענדיגט זיין ראדיא-רעדע, זעהען איצט, ווי די יודען פערלאזען דייטשלאנד צוליב היטלערס קומען צו דער מאכט. און פיל אמעריקאנער זאגען, אז אויך אמעריקע מוז האבען א היטלער, כדי פטור צו ווערען פון די יודען.

נ י ו - י א ר ק (יט"א) די „נאציאנאלע ראדיא-געזעלשאפט" אין אמעריקע האט פערעפענטליכט אנ'ערקלערונג, אין וועלכער זי שטעלט פעסט, אז זי בעטראכט זיך נישט אלס פעראנטווארטליך פאר דער ראדיא-רעדע פון אמעריקאנער היטלעריסטען-פיהרער לידעקע.

אין אנ'ערקלערונג פאר יט"א האט די ראדיא-געזעלשאפט מיטגעטיילט, אז דער אמעריקאנער ראדיא איז געשטעלט געווארען אין א געוויסער שעה אין רשות פון אמעריקאנער פארשטעהער פון דער דייטשער רעגירונגס-ראדיא-קארפאראציע, און ער האט עס ארגאנזירט לידעקע'ס ראדיא-רעדע.

אויפרוף צום דייטשעז פאלק

געגעז פערגוואלדיגעז די פרינציפעז פון געוויסענס=פרייהייט

ב ע ר ל י ן (יפ"א) דא האט זיך געשאפען א קאמיטעט צו פערטיידיגען די מיינונגען-פרייהייט אין דייטשלאנד. דער קאמיטעט האט פערעפענטליכט אנ'אויפרוף צום דייטשען פאלק, נישט צו לאזען פערגוואלדיגען די פרינציפען פון דעמאקראטיע און פרייהייט פון געוויסען. דער אויפרוף האט אונטער-געשריבען א רייה בעריהמטע דייטשע שריפטשטע-לער און וויסענשאפטסלייט, צוו. אנד. פראפ. אלבערט איינשטיין, ארנאלד צווייג, ליאן פויכטוואנגער, פראפ. געארג בערנהארד און אלפרעד קעהר.

שטארקע ערד=ציטערניש

איז מזרח=דייטשלאנד

ב ע ר ל י ן, 8 (ספ. טעל.)

היינט, 8 א זייגער איז דער פריה האבען זיך געלאזט פיהלען אין גאנץ באדען א שטארקע אונטערערדישע אויפטרייסלונג, וועלכע האט גע-דויערט 2 מינוט.

די אויפטרייסלונג איז געווען אזא שטארקע, אז איין סייסמאגראף פון אינסטיטוט אין קארלס-רוהע איז צושטערט געווארען.

דער צענטר פון דער ערדציטערניש איז בלי ספק פארגעקומען אין די דייטשע אלפען.

בעת די אויפטרייסלונגען האבען פיל הייזער אין באדען זיך שטארק געטרייסעלט.

ב ע ר ל י ן, 8 (ספ. טעל.

לויט די ווייטערע ידיעות, האט מען די היינטיגע ערדציטערניש אויך געפיהלט אין שטוט-גארט און אין אנדערע שטעט פון ווירטעמבערג.

דער צענטר פון דער ערד-ציטערניש זאל זיין 60 קילאמעטער פון שטוטגארט. די אויפטרייסלונג איז געווען אזא שטארקע, אז די שויבען האבען געציטערט, בילדער זענען אראפגעפאלען פון דער וואנד, און אין איין הויז איז די טיר ארויסגעריסען געווארען פון די זאוויאסען.

צווישען דער בעפעלקערונג האט עס ארויס-גערופען א שטארקען פאניק.

ל א נ ד א ן, 8 (ספ. טעל.)

פון וועלינגטאן טיילט מען מיט, אז אויף די אינזלען סאמאא איז פארגעקומען אנ'ערד-ציטערניש וועלכע האט אנגעמאכט בעדייטענדע שאדענס. די בעפעלקערונג ענטלויפט אין פאניק אונטערן פרייען הימעל.

די גרויסע בענק אין בייערן

זאלעז נאציאנאליזירט ווערעז

ב ע ר ל י ן, 8 (ספ. טעל.)

דער בייערישער סיים האט היינט אנגענו-מען דעם פארשלאג פון די היטלעריסטען, לויט וועלכען עס ווערט געפאדערט צו נאציאנאליזירען די גרויסע בענק אוים'ן שטח פון בייערן.

דעם דאזיגען פארשלאג האבען אונטערגע-שטיצט אויך די סאציאל-דעמאקראטען.

דייטשע פאליציי האט פערהאלטען

160,000 אומלעגאלע קאמוניס-טישע ביכער

ב ע ר ל י ן, 8 (ספ. טעל.)

פאליציי האט פערהאלטען א לאסט-אויטא, וואס האט געפיהרט 160 טויזענד אומלעגאלע קא-מוניסטישע אויסגאבען.

פאליציי האט דעם אויטאמאביל פערהאלטען א דאנק א מסירה פון היטלעראווצעס.

מ. נ. פאטעק ביים פרעמיער

ו א ר ש א, 8. (טעלעפאניש)

דער פרעמיער פריסטאר האט היינט אויפ-גענומען דעם פוילישען געזאנדטען אין אמעריקא, פאטעק.

פערמשפט גאנדי'ס פרוי אויף א האלב יאהר תפיסה

א פעראראדנונג צו שמייסען די ארעס-טירטע

ב א מ ב ע י, 8. (ספ. טעל.)

גאנדי'ס פרוי איז דא פערמשפט געווארען אויף א האלב יאהר תפיסה.

גלייכצייטיג האט די ענגלישע מאכט ארויס-געגעבען א בעפעהל צו בענוצען שמיץ לגבי די ארעסטירטע בעת די גאסען-אומרוהען.

די דאזיגע האנדלונג זאל זיין א רעזולטאט פון די כפדר'דיגע גאסען-אומרוהען.

Dr. Wajnberg

ספעצ. פוז הארץ-און לונגען-קראנקהייטעז
ציגעל=גאס 11, טעל. 126.02
נעמט אן כון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אווענד.

דער ענין וועגעז א רב פאר לאדז

איז דערווייל געווארעז אויס אקטועל

דער לובלינער רב זאגט זיך אפ פון כבוד. — קיין אנדער קאנדידאט איז נישט פערהאז

ווי בעקאנט איז מיט א צייט צוריק געוועזן אין דער לאדזער קהלה זעהר אקטועל די פראגע וועגען בעזעצען אין לאדז דעם אמט פון א הויפט רב. דאס האט ערקלערט סיי דער פרעזעס פון דער קהלה אין זיין ערעפנונגס-רעדע, פון נייעם קהלה-ראט, דאס האט אויך ערקלערט אין איהר דעקלאראציע די אגודהשע קהלה-פראקציע, ס'איז אויך נישט געווען קיין סוד, אז דער איינציגער קאנדידאט אויפ'ן לאדזער כסא רבנות איז געווען דער געוועזענער פעטריקאווער און איצטיגער לובלינער רב שפירא, די לאדזער קהלה האט געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט'ן הרב שאפירא און ס'האט זיך געקענט דורכ-זעען אז מען איז שוין אויף א וועג. צו דעם צוועק איז אויך מיט צוויי וואכען צוריק געווען אין לאדז דער הרב שאפירא, דערוויל זעהט אויס איז דער ענין קאליע געווארען. ווייל אין טאג ווען דער רב שאפירא האט פערלאזען לאדז, האט ער א צייטונגס-מיטארבייטער איבערגעגעבען פאלגענדע ידיעות וועגען דער רבנות-פראגע אין לאדז:

— אז לאדזער רבנות איז מיר פארגעשלאגען געווארען איז שוין היינט אנ'אפענער סוד. מיר אבער לאקט דאס נישט. מיין נשמה געפינט זיך אין לובלין. אין דער ישיבה וועלכע איך האב געשאפען באה אזוי פיל שווערע מיה און מאטערניש.

אויב איך האב איבערהויפט אונטערהאנדעלט וועגען לאדזער רבנות, איז דאס נאר די שווערע פי-נאנציעלע לאגע אין וועלכער די ישיבה געפינט זיך — דאס האט מיר דערצו געצוואונגען. עס איז ע'ט-שטאנען א מיינונג אז מיט דעם איבערנעהמען דורך מיר דאס לאדזער רבנות וועל איך האבען די מעגליכ קייט צו דעקען די חובות פון דער ישיבה.

אזוי ווי אבער אין יעצטיגען מאמענט פראָ-יעקטירט זיך א גאנץ נייער פלאן, וועלכע שאפט נייע ליכטיגע האָריזאנטען פאר יח"ל — איז צו האָ-פען, אז איך וועל נישט דארפען געגען מיין אינער-ליכען רצון צו זיין ווייט פון מיינע געליבטע תלמי-דים. עס איז צו האפען אז איך וועל צוריק קענען זיין דער געטרייער פאטער, וועלכער פערלאזט נישט זיינע קינדער.

פון די דאזיגע רייד פון לובלינער רב איז צו זעהען אז זיין קאנדידאטור אויפ'ן לאדזער רבנות איז נישט מעהר אקטועל.

דאס קהלה-פרעזידיום האט זיך דערוויל אנ-געהויבען ארומצוזעהען וועגען אנ'אנדער קאנדידאט איז דאך אבער בעקאנט אז די דאזיגע פראגע איז נישט בלויז אנבעלאנגט אין ווילען פון דער קהלה-פערוואלטונג, נאר עס דעצידירען רבי'אישע הויפען און פאליטיק, דעריבער איז נישט געווען אזוי לייכט צו געפינען דעם פאסענדען קאנדידאט, אין באמען איז אפילו יא אנגערופען געווארען, איז דער דאזיגער באמען שטארק אנגאזשירט אין לאנדעס-פאליטיק און איז דעריבער נישט אויף דער האנד אנדערע פאָ-ליטיקער, אז דער דאזיגער רב זאל קומען קיין לאדז.

פון די קהלה-קרייזען פערזיכערט מען אונז דעריבער, אז די פראגע פון א רב פאר לאדז איז פלוצלונג געווארען אויס אקטועל. דער אויסרייד איז, אז מען וועט צוערשט איבערנעהמען די שחיטה דערביי איז אבער פערהאן איין שוועריגקייט, זוי אונזערע לעזער געדענקען, האט די לאדזער וואיעוו-וואודזטווע מיט א חודש צוריק צוגעשיקט דער קהלה פערוואלטונג, אנ'אויפפאדערונג, אז אין פערלויף פון דריי טעג זאל ערלעדיגט ווערען די פראגע פון א רב פאר לאדז, די קהלה-פערוואלטונג האט זיך דעמאלט אפגעבעטען אויף א חודש. נעכטען האט זיך געענדיגט דער חודש און דאס קהלה-פרעזידיום מאכט איצט בעמיהונגען אז מ'זאל דערוויל נישט יאגען מיט קיין רב אין לאדז.

האט זיך געשאפען א פארא אקסאלע לאגע: דאס מלכות וויל א רב פאר לאדז און די אגודהשע מעהרהייט אין דער קהלה איז פלוצלונג צו דעם ענין אפגעקיהלט געווארען.

לאדז, 9 פעברואר 1933

„נייער פאלקסבלאט“

לאדז, 9 פעברואר 1933

קאנפליקטן, וואס מוזן קומען

דער קאבינעט פון דער דייטשער רעאקציע בראש מיט היטלער'ן בעמיהט זיך מיט אלע מעגליכקייטן צו שאפן דעם שיין, אז דאס איז אן אייגהייטליכער קאבינעט מיט א קלארער אויסגעשפראכענעם פראגראם, מיט איינהייטליכע וועגן און צילען. מען וויל פאר יעדן פרייז פארדעקן די טאט־זאך, אז דער קאבינעט איז פול מיט ווידערשפרוכען, וואס וועלן זיך סוף כל סוף ארויסווייזן און ברעכן די גהעריגע פאלגן. דער קאבינעט איז צונויפגעשטעלט פון אזעלכע עלעמענטן, וואס קאנפליקטן צווישן זיי זענען אונפארמיידליך, אין דער ערשטער רייה אויפ'ן סאציאלן באדן.

מען דארף דאך געדענקען אט וואס: דאס סאציאלע פראגראם פון די נאציאנאל־סאציאליסטן טראגט ביי זיין גאנצן כאאטישקייט קלארע סמנים פון אזוי גערופענעם דעמאגאגישן און וואולגארן סאציאליזם. דער ערפאלג פון די היטלעראווצעס האט זיך דאך געשטיצט דערויף, וואס פאר די מאסן זענען די ראפיטטען ארויסגעטראטן נישט בלויז אלס שונאים פון יודענטום און פון מארקסיזם נאר אויך פון קאפיטאליזם.

די טעזיסן פון נאציאנאל־סאציאליסטישן פראגראם וועגן אונטערשייד צווישן נאציאנאלן קאפיטאל (די אינדוסטריע און די לאנדווירטשאפט) און דעם אינטערנאציאנאלן (האנדעל און בענק) זענען זעהר נאאיוו. לאנג בעהמען די מאסע אויף דער דאזיגער דעמאגאגישער ווערדקע קאן מען נישט. די מאסע וועט איינזעהן דעם בלאף און דעם שקר, וואס ליגט אין פריווילעגירן דעם אייגענעם, דעם נאציאנאלן קאפיטאל אנטקעגן דעם אינטערנאציאנאלן (דעם יודישן) די היטלעראווצעס האבן פאפולער געמאכט צווישן דער בעפעלקערונג דעם קאמף געגען דער מאכט פון געלד, געגען דער אזוי גערופענער „צינזען־קנעכטשאפט“, זיי האבן צוגעזאגט אהנפראצענטיגען קרעדיט. אבער לאנג ווענדען אט דעם קאמף בלויז געגען די יודען איז אן אונמעגליכע זאך. כאראקטעריסטיש אין דער אגיטאציע פון די היטלעראווצעס איז אויך געווען די פיינדשאפט צו די גרויסע אונטערנעהמער, און אויך דא וועט מען לאנג נישט קאנען אנהאלטן די יודישע אילוזיע.

עס איז געווען א צייט, ווען די נאציאנאל־סאציאליסטן האבן געפאדערט אזעלכע זאכען, ווי קאנטראל פון די ארבייטער איבער דער פראדוקציע, אנטייל פון די ארבייטער אין די ריווחים און אנדערע זאכען, וואס האבן געשמעקט מיט סאציאליזם. די מאסען ערווארטען, אז די ארבייטסלאזיגקייט און זייערע נויט, זאלען ליקווידירט ווערען, טאקע אויף דעם אופן, ווי דאס האט געהאט צוגעזאגט היטלער.

אבער ווי שטעלט זיך עס פאר אין דער ווירקליכקייט? אין קאבינעט זיצען אזעלכע טיפישע פארשטעהער פון דער גרויס־אינדוסטריע, ווי הוגענבערג, אזעלכע רעפרעזענטאנטן פון די אגראריער, ווי פאן פאפען. ווי אזוי וועט זיך פערהאלטען היטלער? צי וועט ער גלאט זיך אפזאגען פון זיין סאציאלען פראגראם אדער ער וועט דאך מאכען א פרוב צו ווייזען די מאסען, אז ער האט זיי נישט גענארט? עס איז קלאר, אז אויף דעם באדען זענען קאנפליקטען אונפערמיידליך: אדער מיט די מאסען, וועלכע האבען איהם געשאנקען זייער צוטרוי, אדער מיט די פארשטעהער פון קאפיטאל און פון די אגראריער, מיט וועלכע ער האט זיך איינגעשפאנט אין איין וואגען.

קאנפליקטען וועלען מוזען ענטשטעהען אויך אויפ'ן באדען פון דער אויסערליכער פאליטיק. עס זענען פארהאן פראגען און צילען, אין וועלכע אלע פארטייען, וואס גרופירען זיך אין דער נייער רעגירונג, זענען איניג. זעלבסטבעשטימונג פון די פעלקער, וואס וילען בילדען איין גרויס דייטשלאנד, גלייכבערעכטיגונג פון דייטשלאנד צווישן אלע לענדער, אפשאפונג פון ווערסאילער טראקטאט, צוריקבעקומען די קאלאניעס — דאס איז א פלאטפארם, וואס פעראייניגט אלע דייטשע פארטייען.

אבער היטלערס אויסערן־פאליטיק וויל דאך געהן פיל ווייטער. פאר היטלערן איז די רעסטאוראציע פון דייטשלאנד אין די גרעניצען פון 1914 א זאך, וועגען וועלכער עס קאנען טרוימען בלויז נישטיגע מענשען. ער זוכט פיל גרעסערע רוים, זיין עקספאנסיע געהט אויף מזרח. דא דארף זיין די קינפטיגע דייטשע קאלאניזאציע, קאלאניזירט דערביי דארפען ווערען ריינע גערמאנער אהן דעם מינדעסטען צומיש פון פרעמדען, נישט גערמאנישען בלוט. היטלער איז אן אויסגעשפראכענער געגנער פון א בונד מיט סאוויעט־רוסלאנד און, דאכט זיך, מיט יעדען רוסלאנד, איבערהויפט. דער בונד איז פאר איהם נישט אנגעהמבאר, נישט נאר דערפאר, ווייל רוסלאנד איז קאמוניסטיש און דעם קאמוניזם דארף מען בעקעמפען מיט אלע מיטלען, נאר אויך דערפאר, ווייל לויט זיין ראסען־טעאריע טאר מען זיך נישט שטיצען אויף א נידריגערער ראסע אין קאמף געגען א העכערער.

אבער די דאזיגע אידעאלאגיע וועט זיך אנשטויסען אויף די רעאלע אינטערעסען פון דער דייטשער מלוכה, פון די זשפערען, וועלכע האבען גרויסע ווירטשאפטליכע אינטערעסען אין רוסלאנד. אלזא ווידער אמאל אן אונפערמיידליכער קאנפליקט: אדער מיט דער אייגענער אידעאלאגיע, וועלכע מען וועט מוזען פעראטען, אדער מיט די פארטנערן, מיט וועלכע מען האט זיך אוועקגעזעצט ביי איין רעגירונגס־טיש.

די ווייסען פון גארנישט צוזאגען...

דער עפילאג פון דער לעמבערגער טראגעדיע, וואס שפילט זיך אפ איצט געריכט

וועגען דעם עפילאג פון דער לעמבערגער טראגעדיע שרייבט ד"ר וו. איזלער אין לעמבערגער „מארגען“ צוו. אנד. פאלגענדעס:

אין די ד' אמות פון לעמבערגער שטאט־געריכט קומט פאר דער עפילאג פון די לעמבערגער עקסצעסען געגען יודען.

ווי ס'שטעלט זיך ארויס זענען אלע די יונגע פוילישע סטודענטן, וועלכע די פאליציי האט געכאפט אין גאס און איבערגעגעבן דעם געריכט אלס שולדיגע אין שלאגן און בעאומרוהיגן די יודישע בעפעלקערונג פולשטענדיג אומשולדיג. לויט זייער פערטיידיגונג ווייסען די מייסטע איבערהויפט פון גארנישט צו זאגען. צופעליג האבען זיי זיך געפונען אין גאס און זענען אהן יעדער סיבה ארעסטירט געווארען. מאנכע פון זיי, וואס שפילען א גאר וויכטיגע ראל אלס פארזיצער'ס פון פוילישע סטודענטן־ארגאניזאציעס האבען דווקא, דערהערנדיג, וואס עס קומט פאר, בעמיהט זיך צו בערוהיגען די געמיטער און צו פערטרייבען די שלעגער'ס. איינער פון זיי האט גאר אויף א פערזאמלונג פון סטודענטען קלאר און דייטליך אנגעוויזען, אז די יודישע פראגע אין פוילען קאן נישט געלעזט ווערען דורך שלאגען אין גאס. א צווייטער האט, בעת צוהיצטע לייגנעהער'ס האבען זיך ארומגעמעלט מיט שטעקענס, רוהיג און ווי געהעריג עפילט זיינע בערופס־פליכטען אלס אפליקאנט ביי אן אדוואקאט.

בלי שום ספק זענען פארהאן שולדיגע אין שלאגען יודען בעת די לעצטע עקסצעסען אין לעמבערג. הונדערטער צושלאגענע יודישע קעפ, זענען ממש א בעוויז, אז עמיץ האט זיי געשלאגען. פון זיך אליין עפענען זיך נישט קיין קעפ און ווען מען זאל אפילו אננעהמען, אז מאנכע האבען זיך אליין צוקלאפט די קעפ אויף צו להכעיס (וועמען?), וויל מיר האבען דאך אין לעמבערג זייער צייט בעקומען צו לעזען האלב־אפיציעלע קאמוניקאטען, אז בעת דיגעשעהענישען אין יאהר 1918 האבען זיך אין איהם יודען אליין בעטייליגט, זיך אליין פאגראמירט. אפנים, שוין אזא ראסע די לעמבערגער יודען, אבער דאך נישט אלע. וואו זענען, אלזא, די שולדיגע אין צושלאגען יודישע קעפ, און פארוואס האט מען אוועקגעזעצט אויף דער אנקלאגע־באנק אומשולדיגע?

יש אומרים, אז די בעהויפטונג פון די אנגעקלאגטע איז גארנישט קיין בעווייז פאר זייער אומשולד...

מעגליך, אבער איך בין מסופק. ס'טייטש, פרעג איך מיך, די לעמבערגער עקסצעסען זענען דאך נישט געווען פשוט'ע באנדיטישע איבערפאלען, כאטש זיי זענען געווען א באנדיטישע געמיינהייט. האבען דאך די עקסצעסען ארגאניזירט אוניווערזיטעטס־סטודענטען און מיט סטודענטען־היטלען אויפ'ן קאפ אין העלען טאג אויסגעפיהרט זייערע מעשים. מיר רופען זיי אן לויט אונזער טיפער איבערצייגונג מיט'ן ריכטיגען נאמען — כוליגאנישע מעשים. אבער זיי האבען דאך, געשטיצט מאראליש פון דער אנטיסעמיטישער פרעסע, געהייסען גלויבען, אז דאס זענען אידעאישע טאטען, אז אט אזוי ברענגען זיי א קרבן פאר דער אידעע פון פאטריאטיזם. ווי זאל איך גלויבען, אז אידעאישע מענשען קענען זיין אזוי טיף געזונקען מאראליש, מורא צו האבען זיך צו בעקענען צו זעהר אידעע אויס פחד פאר א פאר חדשים קרימינאל! קען דאס געמאלט זיין בעת מיר ווייסען, אז אידעאישע מענשען זענען אפטמאלס מקריב זייער לעבען פאר דער אידעע, אז פוילישע קארפאראנטען ווילען נישט מקריב זיין אפילו זייער געזעס? שטעהען זיי דאך פאר א פוילישען ריכטער און פאר א פויליש געריכט.

הונדערט און פופציג יאהר האט דאס פוילישע פאלק געלעכצט נאך דעם מאמענט און היינט זאלען אנפיהרער פון א גרויסען טייל פון דער פוילישער אקאדעמישער יוגענד זיך אוועקשטעלען פאר זייער פוילישען ריכטער גלייך ווי א קליינער גנב ארער בעטלער און איהם פשוט אפנארען, זאגען ליגען אין די אויגען, איהם אונמעגליך מאכען א גערעכטען פסק ארויסצוגעבען אין נאמען פון דער פוילישער רעפובליק?

ליבער לעזער! איך זעה דו לאכסט פון מיין נאאיוויטעט. אט דאכט זיך מיר, אז איך זעה טרעהרען אין דיינע אויגען, שעהם דיך נישט, די זעלבע טרעהרען ווערגען מיך. נאר צוליב דעם קען איך נישט לאכען....

צושטערט עטליכע לעגענדעס

ארגאן פון די רעוויזיאניסטען וועגען די נישט־צושטאנד־געקומענע ערד־קניות אין עבר־הירדן

„ראזסוויעט“, דער צענטראל־ארגאן פון די רעוויזיאניסטען, האלט, אז דאס, וואס עס האט איצט פאסירט אין פאלעסטינע, דער דרוק פון דער ענגלישער רעגירונג אויפ'ן עמיר אבדולה, כדי נישט צו דערלאזען די יודישע ערד־קניות אין עבר הירדן, האט אויך א געוויסע פאזיטיווע זייט: עס וועלען צושטערט ווערען עטליכע שעדליכע לעגענדעס.

ערשטענס, שרייבט דער ארגאן פון זשאבאטינסקין, איז צושטערט געווארען דער בלבול פון פאספילד'ן, אז עס איז נישט מעגליך צו פעראייניגען די ציוניסטישע קאלאניזאציע מיטן קאדעקס פון דעמאקראטיע און דער בלבול וועגען דעם, אז די „רייכע“ יודען עקספלואטירען די „ארימע“ פעלאכען. דאס לעבען האט בעוויזען, אז דער ירדן איז די גרעניץ צווישען צוויי העלפטען פון איין גאנצעס און דערביי איז אויף איין זייט א בליהענדער גארטען, וואס איז געשאפען געווארען דורכ'ן קאלאניזאטארישען גייניוס פון שעפערישען פאלק און פון דער אנדערער זייט א ווילדע וויסטעניש. אט דער שארפער בעגענזאץ האט געעפענט די אויגען אויך די בלינדע און דאס טראנסיארדאניען, וואס איז אויף הונדערט פראצענט אראביש, וואס ליידט פון הונגער און אנארכיע, ווענדט זיך אליין נאך הילף דווקא צו די יודען.

צווייטענס, איז צושטערט געווארען די לעגענדע וועגען איינהייטליכען אראבישען פראנט, וואס דראהט דעם אידעאל פון ציוניזם. נישט נאר עס איז נישטא קיין איינהייטליכער פראנט פון מאראקא ביז אינדיען, נאר ער איז אפילו נישטא ביי די פאלעסטינער אראבער. די שייכען פון טראנסיארדאניען זענען זעהר נישט צופרידען פון דער ארויסטרעטונג פון ירושלים'ער מופטי און פון די מערב־פאלעסטינישע שאוויניסטען, וועלכע האבען געהאלפען דער רעגירונג צושטערען די אנגעמערקטע פערשטענדיגונג. און אינטערעסאנט איז, אז דער ארויסטריט פון מופטי גופא איז דא נישט פארגעקומען באלד נישט אין דער ערשטער סטאדיע פון די אונטערהאנדלונגען.

די יודישע פרעסע פון פאלעסטינע שטרייכט אונטער, אז אין אנהויב איז געגען דער פערשטענדיגונג ארויסגעטרעטען בלויז דער ארגאן פון די אראבער קריסטען, דער „פעלעסטין“. און די מאכמעראנישע פרעסע, אפילו די, וואס שטעהט נאהענט צום מופטי, האט געשוויגען, הגם זי איז געוועזען גוט וועגען אלצדינג אינפארמירט. ווייזט אויס, אז צווישען די פאלעסטינער אראבער האט מען זיך אפגעגעבען א דין וחשבון וועגען דער קריטישער לאגע פון טראנסיארדאניען און אז די איינציגע האפנונג פון דער הונגערנדער בעפעלקערונג דארט איז אויף די יודען. און בלויז אונטער דעם איינפלוס פון געשאפענעם איינהייטליכען פראנט פון דער פאלעסטינער רעגירונג מיט די אראבישע נאציאנאליסטען האט זיך געענדערט דער טאן פון דער גאנצער כמעט פרעסע אין מערב־פאלעסטינע.

דריטענס, איז צושטערט געווארען די לעגענדע וועגען פאלעסטינער הארון־אל־ראשיד, מאר וועלכ'ן מען האט ביי אונז פון „לינקס“ געזונגען לויב־געזאנגען און געוויכערט פאר איהם ווייוויך. באלד ווי עס האט זיך בעוויזען א רעאלע „געפאהר“, אז די יודען קענען ערגיץ וואו זיך דירעקט פערשטענדיגען מיט די אראבער און צוריי־סען דעם קארדאן פון „תחום המושב“ זענען די וועגעטארישע, פאציפיסטישע, הומאניטארע איבערצייגונגען פון בריטישען לייב אויסגעטרוקענט געווארען. אין דער מאנדאט־קאמיסיע פון פעלקער־בונד וועט מען איצט בעסער פערשטעהן די פאליטיק פון מאנדאטאר און זיינע פרובען צו פערשטעלען די קאמפליצירטע פראבלעמען פון דער פאלעסטינער פערוואלטונג דורך קליינינקייטען, א שטייגער, מיט דער פראגע, וואס קען גארנישט אפגעלעגט ווערען, — וועגען מינימאלען עלטער פון די מיידלעך אין פאלעסטינא אויף צו מעגען חתונה האבען. די דאזיגע פרובען וועלען אפגעשאצט ווערען ווי געהעריג, פונקט ווי עס איז אמאל פערשטאנען געווארען די פסיכאלאגיע פון דער רעגירונג אין רוסלאנד, וועלכע האט דעבוטירט אין דער מלוכה־דומע מיט א געזעץ־פראיעקט וועגען איינארדנען א וועשעריי ביי דער דערפטער אוניווערזיטעט.

ענדליך איז צושטערט געווארען די לעגענדע וועגען דער מאכט, וועלכע איז כלומרשט געצוואונגען אונגערן זיך ארייננצומישען אלס ארביטער בלויז דעמאלט, ווען זי זעהט, אז איין גרופע פון דער בעפעלקערונג איז גובר איבער דער צווייטער.

אין א צייט פון געזעלשאפטליכע איבערפרויז

קאנען נישט אינטערעסירען דעם צושוער די ליידען פון יחיד

דירעקטריסע פון לאדזער טעאטער, פר. וויסאצקא וועגן ביי'עם אקטיאר און דראמאטורג

אין קראקא ווילט איצט אויף גאסטראלען די בעריהמטע פוילישע ארטיסטקע, איצט דירעקטריסע פון פוילישען טעאטער אין לאדז, סטאניסלאווא וויסאצקא. זי פיהרט דארט אויף די פיעסע „מאדמואזעל“, וועלכע איז אויך ביי אונז געשפילט געווארען מיט א גרויסען ערפאלג. אין א געשפרעך מיט א מיטארבייטער פון „נאווי דזיענניק“ האט די ארטיסטקע ארויסגעזאגט איינע זעהר אינטערעסאנטע געדאנקען וועגען קריזיס אין היינטיגען טעאטער. פרוי וויסאצקא האט צ. א. ערקלערט:

עס אונטערליגט נישט קיין שום צווייפעל, אז די אלטע פארמען פון טעאטראלער עקספרעסיע האבען זיך שטארק איבערגעלעבט. אויסער דעם עקאנאמישען קריזיס, וועלכער האט זיך זעהר געלאזט פיהלען דעם טעאטער, האט שוין פון לאנג עקזיסטירט א קריזיס פון טעאטער אלס פראבלעם פון ארטיסטישער קונסט. איך בין אין דער מיינונג, אז דער טעאטער איז בלויז כנאס'ר פון אקטיאר. איך דענק, אז אלע האבען שוין איצט פערשטאנען, אז די פרובען פון אוועקצורוקען דעם אקטיאר אויף א ווייטערדיגען פלאן האבען ענטגילטיג באנקראטירט. איצט וועט זיך אין קיין שום אייראפעאישען טעאטער נישט דערוועגען דער רעזשיסער צו טראנירען דעם אקטיאר.

א גרויסע ראלע האט דערביי געשפילט דער קינא, וואס אפגערירט מיט זעהר א פרעציזער מעטאדע פין ארבייט אין אויסדרוק פון אקטיארישען שפיל. איך האב לעצטענס געארבייט אויפ'ן געביט פון קינא און די ערפאהרונג האט מיך געלערנט, אז דער אקטיאר פון טעאטער קאן זיך פיל אויסלערנען, אויב ער וועט דורכנעהן די פילם־שולע. נישט איין מאל זאג איך אויך צו די יונגערע אקטיארען: ווען עס וואלט פונקציאנירט דער „יופיטער“ און דער גאנצער פילם־אפאראט, וואלט איהר פערשטאנען, ווי ווייניג עקאנאמיש עס זענען אייערע בעוועגונגען און מימיק. ליידער הערשט אין טעאטער זעהר אפט א היפערטראפיע פון ווארט וואס מאכט דאס שפילען פון אקטיאר פערוויסט און ווייניג אויסדרוקספול. די דראמאטישע שרייבער רעכענען זיך נישט מיט דעם אקטיאר און לאדעווען איבער זייערע זאכען מיט ווערטער, וואס פערשאדט גאנץ אפט דעם מאדערנעם טעאטער. עס האבען א טעות די, וואס שעצען גרינג די בעדייטונג פון קינא.

פאר מיר איז נישטא קיין שום ספק, אז קינא איז א דראהענדער קאנקורענט פון טעאטער נישט בלויז דערפאר, ווייל ער איז זעהר צוגענגליך פאר'ן עולם, ווייל ער בעריקזיכטיגט פיל מעהר די בעדערפענישען און פראינטערעסירונגען פון דורכשניטליכען צושויער, נאר אויך דערפאר, ווייל ער גיט א הויכען ניווא פון אקטיארישען שפיל און צווינגט דעם אקטיאר צו בעהערשען זיין פנים און זיינע בעוועגונגען.

פיל האט אויך געזינדיגט אונזער רעפערטואר. ביי אונז אין פוילען זעהט נישט דער דראמאטורג, אדער ער וויל נישט זעהן, אז עס האט זיך געענדערט די איינשטעלונג פון אזוי גערופענעם טעאטער־קאנסומענט. מיר לעבען אין אן עפאכע פון געזעלשאפטליכע איבערקעהרענישען. דערפאר אינטערעסירען נישט דעם צושויער די אמאליגע ליידען פון יחיד. עס געהט איצט וועגען ארגאניזירען א נייעם בעוואוסטזיין פון דער געזעלשאפט, פון קאלעקטיוו, און דער טעאטער קאן דערביי שפילען א גרויסע ראלע, אויב די מאדערנע דראמע וועט ענדערן איהר פנים, עס איז אויך א פערשטענדליכע זאך, אז עס מוז זיך אויך ענדערן די פארם פון ארטיסטישען אויסדרוק. ווייל די אמאליגע אופנים פון שפילען האבען זיך שוין דערעסען.

ווען מ'וועט פערשטיין די סבות פון קריזיס, וועט עס דערנעהנטערען דעם שלום

אינערליכע עקאנאמישע אורזאכען האבען געפיהרט צום קריזיס

פראפ. אלבערט איינשטיינ'ס רעדע געהאלטען אין קאליפארניען

מיר ברענגען דא אויספיהרליך די רעדע, וואס פראפ. אלבערט איינשטיין האט געהאלטען ביי א פייערונג לכבוד איהם אין פאסידינא (קאליפארניע) וועגען דער איצטיגער ווירטשאפטליכער לאגע אין דער וועלט.

פראפ. איינשטיין האט געזאגט:

„איידער איך גיה איבער צו מיין אייגענטליכער טעמע, מוז איך בערירען צוויי שטערונגען וואס שטעהען מיר אין זינען. עס שטעהט דער שווארצער צילינדער. ווען מענשען קומען זיך צונויף ביי צערעמאניעלע געלעגענהייטען, אנגעטאן אין זייערע יום-טוב קליידער, שאפען זיי ארום זיך אן אטמאספערע, פון וועלכער די ווירקליכקייט פון'ם לעבען און דער שטרענגקייט זענען אויסגעשלאסען. עס איז דא אן אטמאספערע פון שעהן קלינגענדיגע רעדעס, וואס האט ליב זיך צוצוקלעפען צו פארנאדנע קליידער. אוועק דערמיט.!

„די צווייטע שטערונג ליגט אין ווערטער און אין אנדערע סימבאלען, וואס זענען אנגעלאדען מיט עמאציע. כאטש אין אמת'ן עקזיסטירען ווערטער מייסטענס אויף איבערצוגעבען אידעען, זענען אבער אויך דא אזעלכע ווערטער, וואס פראוואצירען אזא שטארקע אויפרעגונג אין אונזערע געפיהלען, אז די ראל, וואס זיי (די ווערטער) שפילען און איבערגעבען אידעען, ווערט פערלוירען אין הינטערגרונט.

„מען דארף זיך בלויז דערמאהנען אן דעם ווארט הערעטיק (אפיקורסות) אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע; אהן דעם ווארט יוד פאר דער רעאקציאנערער גרופע אין דייטשלאנד אדער אהן די ווערטער: עהרען-פרעסטיזש, פאטער-לאנד א"ז. כמעט אלע לעבוער פון דער איצטיגער וועלט, דער געבערליך פון אט די ווערטער ווערט אויסגענוצט, כדי צו פערטרייבען יעדען געדאנק און אויף זיין ארט ארויסצורופען עמאציעס, איך וואלט דאס אנגערופען „די הינדערונג פון'ם טאבו".

„מיר ווילען זיך פון אט די ביידע הינדערנישען בעפרייען, ווי ווייט אונזער מענשליכער כוח ערלויבט עס, און אהן איבערקלערעניש, רוהיג און געלאסען זיך שטעלען פנים אל פנים מיט דער באקעטער ווירקליכקייט.

„קיינער קאן נישט לייקענען, אז מיר מאכען היינט דורך נישט נאר אן אינטערנאציאנאלען קריזיס אין דעם עקאנאמישען לעבען, נאר אויך פונקט אזא שווערען קריזיס אין די אינטערנאציאנאלען האנדעל און אין אינטערנאציאנאלער קאאפעראציע אויף אלע געביטען אין אלגעמיין. מיט אט דעם קריזיס זענען פערבונדען עמאציאנעלע שפאנונגען צווישען רעגירונגען און פעלקער, וואס קאנען בלויז פערלייכטערט ווערען דורך א געלאסענער אונטערזוכונג פון זייערע אורזאכען.

„אין פאדערגרונט שטעהט דאס פראבלעם פון די געגענזייטיגע חובות צווישען די לענדער אלס רעזולטאט פון דעם וועלט-קריג. בעטראכט פון א געוויסען דיסטאנץ מיינט דאס הויפטזעכליך די חובות פון אייראפע צו אמעריקע. אונטער די אומשטענדען הערט מען אויסדריקען פון צארן, פארוואס די שלעכטע דייטשען ווילען נישט אפצאהלען זייערע חובות.

„צי איז אבער דא פארהאן א בייזע אזוינט, אדער אפשר האט עס צו טון מיט די נויטען, וואס בעגלייטען די דאזיגע לאגע? א נאציע בעזיצט לאנד, פראדוקציע מעגליכקייטען, און די פעהיגקייט פון איהרע איינוואוינער צו ארבייטען און א חוץ דעם אויך ווייפיל עס איז געלד. כאטש אין א פאקטיש אומבעדייטענדיגער סומע אין פערגלייך צו די שווערע חובות, וועגען וועלכע מיר זעהען דא.

„א נאציע קאן אויף אזא אופן בלויז צאהלען מיט סחורות, דאס הייסט, אייגענטליך, מיט די פראדוקטען פון איהר ארבייט. ווערען אט די סחורות נישט אנגענומען אין א גענוגענדער מאס ביי דעם קרעדיטאר-פאלק, דאן עקזיסטירט אן אוממעגליכקייט צו צאהלען. די איינפאכקייט פון אט דער פאזיציע ווערט בלויז פערטונקעלט אין א געוויסער מאס דורך דעם, וואס מען בריינגט אהער אריין דעם בעגריף פון געלד.

די מייסטע אייראפעאישע לענדער זענען געצוואונגען געווען צו מאכען א טיפען שניט אין דער צאהלונג פון אויסלענדישע חובות. ווען מיר נעהמען אין בעטראכט אט די „עפעקטיווע קרעדיטען", קאנען מיר ווירקליך זאגען, אז דער פערזוך צו בעצאהלען די מלחמה-חובות איז דורכגעפאלען, ווייל עס איז טאקע געווען אוממעגליך, אונטער די אומשטענדען.

„פארוואס אבער האט אמעריקע נישט אנגענומען די צאהלונגען אין דער פארם פון סחורות אדער דורך א דערמוטיגונג צו אימפארטירען די סחורות? דאס איז, ווייל איהרע אייגענע אינדוסטריען וואלטען שטארק געליטען דורך אזא אימפארט. אזוי זעהט מען ווי די לאגע האט געמוזט אזוי ווערען. אבער אזא רוהיגע פערשטענדניש פון דער זאך דארף פון דער לאגע אוועקנעהמען איהר שארפקייט און ביטערקייט.

„מען וועט מוזען זעהן צו פערקלענערען די אינטערנאציאנאלע חובות ביז צו א ציפער, וואס זאל זיין אין איינקלאנג מיט'ן ווילען אנצונעהמען די געהעריגע קוואנטיטעט סחורות.

„איצט קום איך צום צווייטען פונקט, מען האט, נעמליך, אנגענומען, אז די וועלט-דעפרעסיע איז פערארזאכט געווארען דורך די מלחמה-חובות.

„אויב אבער די דאזיגע בעהויפטונג זאל זיין ריכטיג, וואלט געווען אוממעגליך צו פערשטעהן דעם שווערען עקאנאמישען קריזיס אין אמעריקע די עקאנאמישע פערבינדונג פון אט דעם גרויסען לאנד מיט דער אויסערער וועלט איז דאך זיכער נישט גענוג באהעבט, אז מען זאל קאנען ערקלערען די אמעריקאנער דעפרעסיע אלס קומענדיג הויפטזעכליך דורכ'ן עקאנאמישען דורכפאל אין אייראפע.

„לויט מיין איבערצייגונג איז קיין ספק נישט, אז די שווערע עקאנאמישע דעפרעסיע דארף הויפטזעכליך צוגעשריבען ווערען צו אינערליכע עקאנאמישע אורזאכען. די פערבעסערונג פון די פראדוצירונג-אפאראטען דורך טעכנישע ערפינדונגען און ארגאניזאציע האט פערקלענערט דעם געבראויך פון מענשליכער ארבייט און האט הערמיט פערארזאכט די בעזייטיגונג פון א טייל ארבייט פון'ם עקאנאמישען צירקעל און דאס האט ווידער פערארזאכט א שטענדיגע פערקלענערונג פון דער קויף-קראפט פון די געברויכער.

„עס וואלט געווען וויכטיג, אז אט דער שטאנדפונקט זאל פערשפרייט ווערען, ווייל נאר אויף אזא אופן קאן מען בעזייטיגען די געפעהרליכע סיבה פון געגענווארטיגער פערביטערונג. דורך אזא פערשטענדניש וואלטען אויך געקאנט ארויסוואקסען יענע גייסטיגע כוחות, וואס וואלטען געקאנט פיהרען צום בייקומען דעם קריזיס.

„א דריטע פראבלעם מוז דא נאך דערמאהנט ווערען, ווייל עס ריהרט אן דייטשלאנד און שטעהט איצט אין דער ערשטער רייה פון וויכטיגקייט. דאס איז דייטשלאנדס פאדערונג פאר מיליטערישער גלייכקייט. איך ערלויב מיר אלס אן אונאפיציעלער פערזאן אויסצודריקען מיין פערזענליכע מיינונג, אז די פאדערונג פאר גלייכקייט איז דורכאויס א גערעכטע. פון דער אנדערער זייט, אבער, גלויב איך, אז פון'ם שטאנדפונקט פון פארטשריט, פון אמת'ער מענשליכער קולטור, וואלט עס געווען א גרויסער געפעהרליכער שריט צוריק, ווען מען זאל צוריק איינפיהרען אין דייטשלאנד אלגעמיינעם מיליטער-דינסט.

„אלגעמיינע מיליטער-דינסט מיינט, אז מען זאל אויפציהען די יוגענד אין א מלחמה-גייסט. דאס וואלט געהייסען צו מאכען אוממעגליך די מאראלישע ענטוואפנונג פון'ם פאלק.

„די קורצע רעדע קאן בלויז אנווייזען אויף געוויסע געדאנקען-ליניען. זי ערפילט איהר צוועק, אויב זי רעגט-אן אומליידענשאפטליכע בעטראכטונגען. עס איז דא א סך חכמה אין דער שפראך. דאס ווארט — פערשטענדיגונג, מיינט, בוכשטעבליך, די בעשאפונג פון געגענזייטיגען פערשטענדניש — פון פערשטעהן! פאקטיש קאן מען צום בעסטען ברענגען א פערשטענדיגונג, ווען מען קאן בעווייזען, אז די עקזיסטירענדיגע אומשטענדען זאלען גרינטליך פערשטאנען ווערען. פון אזא פערשטעהן קאן אויך ארויסוואקסען דער ווילען, די גרייטקייט און די פעהיגקייט צו לעזען פרידליך אזוינע פראגען, וואס זענען דורכאויס וויכטיג אין דעם לעבען פון די פעלקער".

ענגלישע שוועסטער פון רויטען קרייץ אין גאז-מאסקעס



DOKTOR

H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאנא 4, טעל. 216-90

ספעציאל-ארצט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע, אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.

נעמט אן פון 8–2 און פון 5– 9 אוונד.

בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען.

געלט

(סקיצע)

פון נ. י. גאטליב.

פון די עלטערען האט זי געירשענט א גרויס פערמעגען. דער טאטע איהרער איז געווען אן אויפגעקומענער גביר. ער איז בטבע געווען א קארגער מענש און, רייך ווערענדיג, האט ער זיך נישט פערגינט צו לעבען ברייטלעך, ווי דאס טוען אלע אויפגעקומענע גבירים. אדרבא, איהר טאטע איז וואס ווייטער, אלץ קארגער געווארען. די מאמע גערטרוד'ס האט זיך בעמיהט איינצוהיטען דעם טאטענ'ס „שווייסיג פערהארעוועטע" דאלארען. אט אין דאזיגען וועג איז זי דערצויגען געווארען.

ווען איהרע עלטערען זענען אוועקגעשטארבען איז זי שוין געווען א מיידעל העכער צוואנציג, א זעלבסטשטענדיגע זי איז געווען א בת-יחידה און דאס גאנצע פערמעגען פון די עלטערען איז איבער אין איהר רשות.

פון די עלטערען האט זי געירשנ'ט זייער קארגקייט און פראקטישקייט צו פיהרען, אבער די געשעפטען ווייטער האט זי נישט געקאנט. זי איז דערצו נישט געווען צוגעגרייט און זי האט מורא געהאט. טאמער פערפלאנטערט זי זיך און זי ווערט אלץ אן. האט זי ביסלעכווייז אלץ אויסגעקויפט, בעקומען א גאלדיגע געלד-סומע און איינגעלייגט אין באנק. איהר באנק ביכעל איז אזוי ארום געווארען נאך דיקער און די צאהל ציפער אין איהם האט זיך אויף א סך פערגרעסערט.

דאן האט זי גענומען לעבען רוהיג, זיכער און לויט די הייליגע געבאטען פון איהרע פערשטארבענע עלטערען. פאר זיך האט זי איבערגעלאזט א קליין, פרעכטיג איינגעארדענט פאלאצעל. ערגעץ אין א ווינקעל, שטילער גאס פון די רייכע שטאט-געגענטען. אין פאלאצעל האט זי גענומען פערברענגען איהר זארגלאזען, זאטען לעבען.

זי איז נישט קיין שענע און נישט איבעריגס קיין קלוגע. אויסנעהמען ביי מענשען, איבערהויפט ביי יונגעלייט — ווייסט זי — האט זי נישט מעט וואס, סיידען מיט איהר רייכקייט, מיט איהר גרויס פערמעגען. זי איז, אבער, א שטאלצע, נאך שטאלצער פון דער פערשטארבענער מאמען און זי וועט זיך נישט לאזען חנפ'נען פון די כלערליי יונגע לייט, וויסענדיג, אז נישט איהר זענען זיי אויסען, נאר איהר דיקען באנק-ביכעל, האט זי טאקע נישט געאיילט חתונה צו האבען. זי האט זיך נישט געקענט צוקלייבען קיין חתן. פונ'ם טאג אן, ווען איהרע עלטערען זענען געשטארבען ביז איצט — שוין היבשע עטליכע יאהר — האבען זיך צו איהר געשדכ'ענט אוודאי פינף צעהנדליג יונגע לייט. זי האט זיי, אבער, אלעמען אפגעזאגט, ווייסענדיג, אז מען איז אויסען נאר איהר געלד, — און זי איז געבליבען אליין. אזוי זענען אוועק יאהרען, זי, איז שוין איבער די שוועל פון דרייסיג כאטש זי לעבט רוהיג, זארגלאז, זאט, האבען אבער די פערגאנגענע יאהרען פארט ארויפגעלייגט אויף איהר זייער שטעמפעל, זי איז פאר דער צייט געווארען נאך מיאוס'ער. איהר לאנגער, האגערער פנים האט זיך נאך מעהר אויסגעצויגען. די קליינע פארבלאסע אויגען איהרע זענען נאך געווארען קלענער און ארום זיי האבען זיך גענומען בעווייזען קנייטשלעך. גענומען זיך אויסשפרייטען איבער'ן גאנצען געזיכט, העט-העט ביז די ווינקעלדיגע שטערן-שלייפען און ביז'ן דינעם, צעקנייטשטען האלז. איהר פיגור, פערקעהרט, איז געווארען ברייטער, פולער, אנגעגאסענער. עס העלפט נישט, וואס זי, מאכט זיך מאסאזשען, גימנאסטיק, פרובט אויס פערשידענע מיטלען. זי ווערט פון דעם נישט שלאנקער, בויגעדיגער, יונגער. און יעצט האט זי שוין פיל ווייניגער שאנסען צו ווערען געפעלען. כלערליי יונגע לייט און אויך עלטערע מענער שטעהען פון איהר אלץ נישט אפ, מען חנפ'עט איהר, מען פערפיהרט זי, כלומרשט. אלע אבער — זי ווייס עס אויף זיכער — זענען אויסען נאר איהר געלד און איהר שטאלץ ווערט צו אזא מין פערבינדונג נישט דערלאזען !...

— — — מיט די יאהרען איז אויסגעוואקסען איהר קארגקייט, שפארזאמקייט. חוץ דעם, האט זי זיך גענומען דערווייטערען פון איהרע פריהערדיגע פריינט, — פון רייכען שטאנד, פערשטעהט זיך, — ווייל די דאזיגע פערבינדונגען איהרע פלעגען איהר אפקאסטען געלד, איז זי, צום סוף געבליבען כמעט אליין. איהרע „חתנים" האט זי פראסט-טשוט געגעבען דעם וועג. זיי האבען נישט גענוגט דעם זינען ! — האט זי הויך אויפ'ן קול געטראכט. קיין געלט וועט זי קיינעם נישט אנטרויען !... און אויב מען מיינט נישט איהר גופא, איהר אויסזעהן, איהר „פערזענליכקייט", נאר מען מיינט איהר באנק-ביכעל, איז שוין בעסער גארנישט !... זי וועט בלייבען אליין, אליין און, הגם אורחא, וועט זי אזוי ארום עפעס איינשפארען !...

— — — שווימען די יאהרען אין ים פון דער קאלטער, גרויער איביגקייט... פון יאהר צו יאהר ווערט זי אלץ עלטער און קעלטער, אלץ מיאוס'ער, איינגעשפארטער, איינזאמער... און וואס איז שוין, אז זי פערמאגט געלד, א סך, א סך געלט, א פעטען באנק-ביכעל — אז אלץ איז דאך א ברכה-לבטלה, קיינער האט פון דעם קיין הנאה נישט און זי, אויך נישט. אדרבא : זי לייד'ט נאך פון דעם צרות, יסורים, זי זארגט באכאנגע, זי געטרויט שוין נישט איהר פערמעגען, אפילו דער באנק, די לעצטע צייט — לייענט זי אין די צייטונגען, קומען פאר אפטע באנקראטען. עס זענען אז פערשיידענע אונטערנעהמונגען, גרויסע, בעריהמטע פירמעס און, אפילו בענק... ס'איז א ביטערע צייט. דער קריזיס שטארקט זיך, ארבייטסלאזיגקייט וואקסט, מענשען ווערען אלץ אומגעדולדיגער, אנגרייפענדיגער...

טראכט זי וועגען דעם ביטאג און ביינאכט... זי האט מורא : פאר זיך און פאר איהר גראשען, אומבעשיצטען פערמעגען... זי האט אלץ געטאן, כדי בעסער, זארגפעלטיגער זיך צו בעזארגען. זי האט איהר קאפיטאל קאנצענטרירט נאר אין איין באנק ביכעל, אין איין באנק... אבער אויך אזוי איז זי נישט זיכער. ווארים וואס טוט זי, אז די באנק איהרע בעהמט און מאכט א באנקראט ?

— — — איז זי איינמאל אוועק און ארויס רויסגענומען איהר גאנץ פערמעגען פון באנק. זי האט עס אויסגעביטען אויף א קליינער צאהל הויכווערטיגע פאפירען און איינגעניהט אין איהר אונטער-העמד... איצט, דאכט זיך, איז זי שוין געוויס זיכער. זי טראגט איהר פערמעגען אויף דער ברוסט. נאהענט, נאהענט צום זשעווענעם, פוסטען הארצען... די פוסטקייט, אבער, האט זיך צוליב דעם נישט אנגעפיהלט... און אויך די מורא איז נישט קלענער געווארען... ווייל, ווער קען וויסען, טאמער בעמערקט אימיצער, אז זי טראגט איהר פערמעגען ביי זיך, א גנב, א מערדער, אן אנארכיסט?...

— — — האט נערוועז גענומען לעבען אין איין שרעק, איהרע זארגען האבען גענומען וואקסען, ווי שוועמלעך נאך א רעגען. איהר געהט נישט איין דאס עסען, וואס זי עסט, דאס קלייד, וואס זי נייהט זיך איבער, דאס בוך, וואס זי פרובט פון לאנגווייל לייענען און, אפילו, דער שלאף, וואס זי כאפט איין בגוואלד... ווארום פון צופיל דאגות האט זי אויפגעהערט צו שלאפען. גאנצענע נעכט ליגט זי אט אזוי אויף איהר איינזאמען געלעגער און קלערט, קלערט... איהרע יאהרען שווימען, שווימען. זי איז שוין קרוב צו פערציג, צום „געפעהרליכען עלטער"... אבער זי איז שוין, דאכט זיך, פאר קיינעם נישט „געפעהרליך". קיינער יאגט זיך שוין נישט נאך איהר. מען איז שוין, אפילו, איהר געלד נישט אויסען... און זי ווערט שוין, קענטיג, אליין דערציהען איהר אומנוצליכען, אומזיניגען לעבען... כאטש איין טרייסט איז נאך פאראן: געלד... זי האט עס. א סך, א סך. זי קען, למשל, נעהמען און אוועקפאהרען. פאהרען איבער דער וועלט. זעהן געניסען. ס'איז דאך אזא שעהנע און אינטערעסאנטע וועלט. אזא גרויסע, רייכע, זוניגע, פילפארביגע. אזעלכע וואונדערליכע ערטער, ים'ען, לענדער. און זי קען עס אלץ בעהויפטען. זי קען פון אלץ געניסען — ברייט, רייך, שפע'דיג!... אבער זי וועט עס נישט טון. זי האט מורא, איהר שרעקט דער דאזיגער געדאנק. זי וועט דאך מוזען א סך געלד צוטרענצלען, א גרויסען טייל פון איהר פערמעגען!... ניין! זי טאר עס נישט טון! זי טאר נישט!...

— — — און אזוי האט זי זיך וואס ווייטער, אלץ שטארקער צוגעבונדען צו איהר איינגעניהטען פערמעגען. זי איז צו דעם איינגאנצען פערשקלאפט געווארען.

רעכט און לעבען

יורידישע ביילאגע פון „נייעם פאלקסבלאט"

נייע וויכטיגע געזעצע, מיט וועלכע יעדער בירגער דארף זיך בעקענען

פארצוג פון ענטשעדיגונג

אויב לטובת עמיצען איז צוגעמשפט געוואָרען א געוויסע געלד-ענטשעדיגונג צוליב א פאַרשאַפטען שאָדען אין שייכות מיט א בעגאנגענעם פערברעך, ווערט אזא ענטשעדיגונג ביי אַן עקזעקוציע בעפאָרצוגט לגבי געלד-שטראָפען און געריכטס-קאָסטען.

מ'וועט מעגען דערלאנגען געריכטס-אוויזאציעס אין ימים-טובים און ביינאכט

פאַרהאַן ביינוויליגע בעל-חובות, וועלכע מעלדען זיך בכיוון אויס פון דערהיים, בכדי נישט צו דארפען דערהאלטען קיין געריכטס-אוויזאַציעס און אַזוי ארום צו קענען אָפּשלעפּען די עקזעקוציע פון די שולדיגע חובות.

דאָס דאָזיגע שפּיצעל וועט מען ווייטער שוין נישט קאָנען אָנווענדען, ווייל אין אזעלכע פאלען וועט דער לייטער פון געריכט אויפ'ן פאָרשלאג פון מאָהנער פעראָרדנען איבערצוגעבען די אוויזאציע ביינאכט, אין זונטאָג אָדער אין חגאות ד"ה דאמאָלט, ווען מ'טרעפט די בעל חובים דווקא יאָ אין דער היים.

אז מ'וויל גוטוויליג בעצאהלען א חוב, דארף מען נישט צאהלען קיין געריכטס-קאסטען

אפילו אין דער היינטיגער ביטערער צייט זענען פאַרהאַן ווירטסלייט, וועלכע, ווילענדיג אריינטרייבען זייערע לאָקאַטאָרען אין קאָסטען, פערפיהרען בכיוון געגען זיי פּראָצעסען, הגם מ'לייגט זיי פאָר גוטוויליג צו בעצאָהלען דעם שולדיגען חוב.

דער ארטיקעל 103 פון קאָדעקס פון דער ציוויל-געריכטס-פּראָצעדור מאַכט ענדליך א סוף צו דער דאָזיגער שיקאנע.

לויט'ן דערמאָנטען ארטיקעל וועט דעם אנקלאָגער נישט צוגעמשפט ווערען קיין געריכטס-קאָסטען, אויב דער בעל-חוב האָט נישט געגעבען קיין גרונט צו פערפיהרען געגען איהם אזא פּראָצעס אָדער ר'האָט תיכף נאָכ'ן דערהאלטען די אָפּשריפט, פון דער תביעה בעצאָהלט דעם חוב אָדער ר'איז גרייט צו בעצאָהלען דעם חוב.

עלטערע און קיין פרוי טאר מען נישט לאזען הונגערען, אויב מ'איז ביכולת אויסצוהאלטען

ס'פעהלען נישט קיין הארצלאָזע זיהן און טעכטער, וועלכע זענען אגב אליין גענוג פערמעגליך און קוקען זיך אָבער בכלל נישט ארום אויף זייערע אָרימע עלטערען אַזוי, אז אָפט טרעפט, אז אזא אלטער פאָטער אָדער עלענדע מוטער גייט אויס פון הונגער אָדער איז געצוואונגען צו געהן בעטלען פערשטייט זיך, אז די עלטערען קאָנען געריכטליך מאָהנען פון זייערע קינדער אלימענטען, א חוץ דעם קאָנען אויך אזעלכע קינדער צוגעצויגען ווערען צו שטראָפליכע פעראנטוואָרטליכקייט. דער אלטער שטראָף-קאָדעקס האָט פאר אזא ביינוויליגע האנדלונג לגבי עלטערען פארגעזעהן ארעסט (ארט. 419 פונקט 3) דער נייער שטראָף-קאָדעקס (ארט. 201 פ. 1) זעהט פאָר תפיסה ביז 3 יאָהר.

די זעלבע סאנקציע דראָהט אויך מענער, וועלכע קאָנען און ווילען נישט געבען קיין פרנסה זייערע פרויען און קינדער און לאָזען זיי הונגערען.

נאָכמעהר אפילו פאר בעציהען זיך אזוי צו אַנ'אנדערען פערזאָן קאָן דעסגלייכען אויך אַנגעוואָנדען ווערען אזא רעפּרעסיע, אויב דער דאָזיגער פערזאָן איז צוגעמשפט געוואָרען רעכט אויף אלימענטען.

אינ—

צי האבען אויך סובלאקאטארע רעכט

אויף אפלייגען דעם טערמין פון אויספיהרען עקסמיסיעס אין די ווינטער חדשים?

ווי בעקאַנט שטעלט אָפּ די נאָוועלע פון 7 נאָוו. 1931 צום דעקרעט פון לאָקאָטאָרען-שוץ דאָס אויספיהרען עקסמיסיעס אין די ווינטער-חדשים (פון 1 נאָוועמבער ביז'ן 31 מערץ).

רעכט צו געניסען פון דער דערמאָנטער הנחה האָבען אָבער בלויז לאָקאַטאָרען פון 1 און 2 שטוביגע דירות, וועלכע זענען פערמשפט געוואָרען עקסמיטירט צו ווערען אויסשליסליך צוליב צאָהלונגס-אונטערשטעליגקייט און אויך נאָר אין דעם פאַל, אויב די דאָזיגע צאָהלונגס-אונטערשטעליגקייט איז א דירעקטער פועל יוצא פון אויסערגעוועהנליכע אָרימקייט און קודם כל פון אַרבייטסלאָזיגקייט.

איבעריגענס ווערט אפילו אָט דער דאָזיגער בעגרעניצטער מאַראַטאָריום אויך נישט אָנגעוואָנדען אויטאָמאַטיש. נאָר ר'ווערט ערטיילט אויפ'ן סמך פון אינדיווידועלע בקשות לויט'ן אייגענעם איינזעהן פון געריכט.

אין שייכות דערמיט ענטשטעהט א וויכטיגע פראַגע און נעמליך, צי איז דער אָנגעוויזענער מאַראַטאָריום חל בלויז אויף לאָקאַטאָרען אָדער צי קאָן ער אויך דעסגלייכען האָבען אַנ'אָנווענדונג לגבי סובלאָקאַטאָרען, אויב זיי ענטשפּרעכען די זעלבע געזעצליכע פאָדערונגען.

טעאָרעטיש האָבען געוויס אויך סובלאָקאַטאָרען רעכט צו געניסען פון דערמאָנטען מאַראַטאָריום לויט די זעלבע כללים. ווי ס'געניסען פון איהם לאָקאַטאָרען. זאָגט דאָך בפירוש דער ארטיקעל 13. „אז אלע הנחות און פליכטען, וועלכע פליסען ארויס פון דעקרעט וועגען לאָקאַטאָרען-שוץ און זענען נוגע לאָקאַטאָרען און ווירטסלייט, האָבען דעסגלייכען אַנ'ענטשפּרעכענדע אָנווענדונג אין די בעציהונגען צווישען סובלאָקאַטאָרען און הויפּט-לאָקאַטאָרען.

אלזאָ, אויב א סובלאָקאַטאָר, וועלכער איז פערמשפט געוואָרען עקסמיטירט צו ווערען צוליב צאָהלונגס-הינטערשטעליגקייט שטעלט פאָר א בעשטעטיגונג פון מלוכה'שען ארבייטס-פערמיטלונגס-אַמט וועגען אַרבייטסלאָזיגקייט, דאַרף איהם דאָס אויספיהרען די עקסמיסיע אויפגעהאַלטען ווערען אין משך פון די ווינטער-חדשים. און ווירקליך אויב א סובלאָקאַטאָר וואוינט ביי א לאָקאַטאָר, וועלכער געניסט אליין פון דערמאָנטען מאַראַטאָריום ווערט איהם טאַקע די דאָזיגע הנחה גלייך אנערקענט.

גאַנץ אַנדערש ווערען טראַקטירט אין דער פראַקטיק די פאַלען, ווען ס'האַנדעלט וועגען אָפּשטעלען דאָס אויספיהרען עקסמיסיעס פון סובלאָקאַטאָרען, וועלכע וואוינען ביי לאָקאַטאָרען, וואָס צאָהלען יאָ פינקטליך דירה-געלד.

אַזוי ווי קיין אויטאָמאַטישע אָנווענדונג האָט דער דערמאָנטער מאַראַטאָריום טאַקע נישט, נאָר ער ווערט ערטיילט לויט'ן אייגענעם איינזעהען פון געריכט, רעכענען זיך די געריכטען אין אזעלכע פאַלען מיט א גאַנצע רייה אַזוי גערופענע לעבענס-אומשטענדען און קודם כל מיט'ן פּרינציפּ פון יושר'דיגקייט. און פאַר יושר'דיג קאָן שוין זיכער נישט בעטראַכט ווערען אַזא סיטואַציע, אַז אין דער צייט ווען דער לאָקאַטאָר זאָל מוזען צאָהלען דירה-געלד, זאָל דער סובלאָקאַטאָר זיין פון דער דאָזיגער פליכט בעפרייט.

דעריבער טאַקע וואַרפען די געריכטען כמעט אין אַלע אַזעלכע פאַלען אָפּ די בקשות פון סובלאָקאַטאָרען וועגען אָפּלייגען זיי דאָס אויספיהרען עקסמיסיעס אין די ווינטער-חדשים.

י. א—ד.

געריכטס-אפצאהלונגען און שטראף-פראצעסען

אויב מ'ווערט פערמשפט אין א שטראָף-פּראָצעס, מוז מען אומקעהרען די געריכטס קאָסטען. די הויך פון די דאָזיגע קאָסטען איז אָפּהענגיג פון דער שארפקייט פון אורטייל. אלזאָ ווער ס'ווערט פערמשפט צו א פרייהייטליכע שטראָף אויף א טערמין ביז 1 חודש, מוז בעצאָהלען געריכטס-קאָסטען אין דער הויך פון 5 זלאָטעס, ביי א שטראָף אויף א טערמין ביז 3 חדשים, בעטרעפט דער געריכטס-אָפּצאָהל 10 זלאָטעס, ביז 6 חדשים — 20 זלאָטעס, ביז 1 יאָהר — 40 זל., ביז 2 יאָהר — 80 זלאָטעס, ביז 4 יאָהר — 160 זלאָטעס, ביז 6 יאָהר — 3,20 זלאָטעס, קוים ווערט מען פערמשפט אויף א לענגערען טערמין, בעטרעפט דער געריכטס-אָפּצאָהל — 6 הונדערט זלאָטעס.

וואָס שייך די יעניגע, וועלכע ווערען פערמשפט אין דער ערשטער אינסטאנץ צו א געלד-שטראָף, ווערט פון זיי גענומען א געריכטס-אָפּצאָהל אין דער הויך פון 10 פּראָצ. פון דער איינגענטליכער שטראָף-סומע.

אין פאַל, ווען דער פערמשפט'ער האָט

(ווייטער זעה 9. זייט).

זייט באנקראטניקעס באנקראטירע

איז נאר זיכער אזא פליטה נישט געווען

אַנ'אַלטשטעטישער יור ארדענט אייך אַ ראש-השנה'דיג און יום-כפור'דיג מנין, אַנגאַזשירט חזנים, משוררים, א בעל-קורא און אַ בעל-תוקע מיט אַ שמש נעמט פון יעדען קויטיע און מוצאי-יום-כפור אַנטלויפט ער מיט דער קאַסע

געווען איז דאָס פאר די לעצטע ימים-נוראים, הערשל.פישעל פ-סקי, א בעקאַנטער לאָדזער צוקערניע-זיצער, איז זיך אַזוי געלעגען אויסגעצויגען אויף דער הינקענדיגער קאַנאַפּע און זיך געבראָכען דעם אויסגע'דאגה'טען מוח איבער דער דזאַרבער וועלט-שאלה, ווי אַזוי פערטרייבט מען פאָרם די בידע. זאָל זיין כאָטש בלויז אויף א געוויסער צייט.

פאַר פינף קוואַרטלען שולדיג דירה-געלד, אַלע געוועלבער פון דער בעגענד שוין „אָפּגעשאַצען", די קצבים און בעקערס לייגען איין די טירען, די אָפּגעצערס און אלע איבעריגע הויז-ליווערראַנטען רייסען ממש אָפּ די פּאָלעס, די יאַסלעך פון חדר האָט מען א היימגעשיקט, די בוגרות'ן אין שטוב האַלטען זיך מיט מזל אין איין יעהרען, נישטאָ מעהר ביי וועמען א גילדען אַ גמילת-חסד צו נעהמען.

צו אַלע „גליקען" רוקען זיך נאָך אונטער אַ גאַנצע רייה דרייפאַכיגע ימים-טובים און איידער מ'קוקט זיך ארום. קומט שוין אָנצולויפען דער בייזער גאַסט, דער גרויזאַמער ווינטער.

און דאָ ווייסט מען נישט, צו וואָס זיך צונעמען, שוין געהאַנדעלט און געוואַנדעלט. געשאַכערט און געמאַכערט מיט אַלעם אין דער וועלט און פון אַלע געשעפטען געבליבען ביים עכטען דלות. הכלל ס'איז ביטער און ווידער ארום איז דאָך שלעכט יעדען; דאַרפען דאָך אַלע, הייסט עס, געהאָלפען ווערען, מוזען זיי אומבעדינגט אָנקומען צום ר"ש'ס לאַסקע, אַנ'עת רצון דערצו איז טאַקע פאַרהאַן ס'מוז דאָך אָבער אויך זיין א מקום, וואו דאָס ביטערע הארץ אויסצוגיסען.

קורץ: הערשל פישעל האָט גע'חשבונ'ט, געקאָמבינירט און איז געקומען צום אויספיהר, אַז דווקא איצט, ווייל ס'איז יודען אַזוי שלעכט אויף דער וועלט, דאַרף אויף א בית תפילה אין די ימים נוראים זיין א געוואַלדיגע נאָכפראַגע און אזא אונטערנעהמונג דאַרף דעריבער זיין א גלענצענדע ביזנעס. הערשל פישעל האָט טאַקע בעשלאָסען אַזא עסק איינצוּאָרדנען.

קודם כל האָט ער אַרויסגעוואָרפען די פרוכטגוטע בעטען, די אויסגעקרימטע קאָמאָדע, די קליידער-שאַנק אָהן טיהרען און דאָס איבעריגע איפּל גראַטעס, דאָס גאַנצע רוכאָמאָשטש האָט ער אויסגעסדרט אויפ'ן בוידעם. וואָס ר'האָט אין איינקוואַרטירט אויפ'ן משך פון תפילה-סעזאָן

(אַ זעלטענער פּראַצעס)

דאָס גאַנצע בני בית. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דאָס הילצערנע ווענטעל, איז געוואָרען א גרויסע סאַלע, וועלכע ר'האָט בעשטימט פאַר דער מענער-שוהל, דאָגעגען די קיך האָט ער צוגעגרייט פאַר דער ווייבער-שוהל. פאַר א 2—3 גילדען אָפּניק-געלד האָט ער בעקומען פון א סקלאַד אַ ביסעל ברעטער, פון וועלכע א טישלער האָט איהם פאַר א פּאָר גראָשען צוזאַמענגעקלאַפּט א פּאָר רייהען בענק און עטליכע טישען.

פערטיג מיט'ן אינוועטאַר האָט זיך הערשל-פישעל גענומען צוזאַמענצושטעלען א פּערזאָנאַל כלי קודש. ער האָט געגעבען אַנ'ענטשפּרעכענדע אַנאָנס אין די גאַזעטען און ס'האָבען זיך גענומען שיטען 20 קאַנדידאַטען אויף יעדער פרייער וואַקאַנס. הערשל פישעל האָט געזיפּט און סאָרטירט דאָס „מאַטעריאַל", אויסגעקליבען פרימא ד'פרימאַ, ר'האָט אלזאָ אנגאַזשירט א בעל מתחיל, א בעל שחרית, א בעל מוסף, אַ בעל קורא מיט א בעל תקע, 6 משוררים און א משמש, מיט יעדען זיך פּערטראַגען, אָפּגערעדט א גוטען פּרייז און פון יעדען גענומען א געוויסע קויציע כלומרשט אלס בטוח, אַז ר'וועט איהם נישט לאָזען זיצען אין דער לעצטער מינוט מיט'ן מנין אָנ'איינגעזייפּטען.

ערשט דאַן איז הערשיל-פישעל צוגעטרעטען צו ווערבירען מתפללים פאַר'ן געשאַפענעם מנין. ער האָט געלאָזט אָפּדרוקען קאַרטען מיט פאָלגענדען נוסח:

יודען און יודענעס!

ווילט איהר זיך אויסבעטען א געזונט און פּרנסה'דיג יאָהר, גוטע און בחנמ'דיגע חתנים פאַר אייערע גראָטענע טעכטער, קומט תיכף צו לויפען דינגען שטעט אין קאַמפּאָרט-איינגעאָרדנטען בית-תפלה אויף זגערזשער גאַס, וואו ס'וועלען דאַווענען קאָנצערטקוועזע חזנים מיט משוררים. לויטער שיינע יודען, סאַמע קינסטלער אין פאַך.

מיט די דערמאָנטע קאַרטען זענען בעציהרט געוואָרען די פּראָנטאָווע פענסטער פון אַלע בעלויטער און אַלטשטעטישע הייזער. די רעקלאַמע האָט שוין איינמאָל געהאַט ערפאָלג: ס'האָבען אָנגעהויבען מאַסענווייז צו שטראָמען פון אַלע גאַסען שטעט-דינגער און שטעט-דינגערינס אַזוי, אַז אין משך פון די ערשטע צוויי טעג איז דער גאַנצער קאָמפּלעט זיך און שטאָה-פּלעצער אויספּערקויפט געוואָרען, ממש ביז דערשטיקט צו ווערען.

דער ראש - השנה איז אַדורך בשלום. פאַר יום - כפור האָט דאָס פּערזאָנאַל געפאָדערט געלד. הערשעל פישעל האָט זיי צוגעוואָרפען נישטיגע גראָשענס און זיי בערזיכערט מיט אַלע שבועות, אַז באַלד מוצאי יום-כפור וועט ער זיך מיט יעדען אָפּרעכנען און אויסצאָהלען וואָס יעדען קומט ביז א לעצטען גראָשען. הערשעל פישעל האָט זיי אַזוי קונציג פּערדרעט, אַז זיי האָבען איהם געטרויט און אָפּגעאַרבייט דעם יום כפור.

באַלד נאָך מעריב האָט זיך דער עולם צעוואַנשעוועט און איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. פאַר די חזנים און איבעריגען כלי קודש האָט הערשעל פישעל געשטעלט קידוש מיט איבערבייסעך און זיי גלייך געלאָזט אויסצאָהלען די שכירות און צו ריקגעבען יעדען די קויציע. די חברה האָבען טאַקי נאָר אויף די פּאָר גילדען געוואַרט.

הערשעל פישעל האָט זיך אָבער זיי פון אונטער די הענד אומבאַמערקט אַרויסגעדרייט פון שטוב. ס'איז אַדורך א האַלבע שעה, א שעה, צוויי שעה, דער פּאַרשוין ווייזט זיך נישט, חברה לאָזען זיך איהם זוכען, וואו די שטאָדט האָט נאָר איין עק. הערשעל פישעל איז ווי אין ים אַריין. ערשט אין א צוויי וואָכען אַרום, ווען דער עולם האָט זיך שוין געהאַט אַביסעל בערוהיגט, האָט זיך הערשעל פישעל בעוויזען אין שטאָדטעל.

דער פּערזאָנאַל איז איהם בעפאַלען און געוואָלט צורייסען אויף שטיקער. הערשעל פישעל האָט זיך פּערענטפערט, אַז ר'איז אומשולדיג. ס'האָט מיט איהם געטראָפען אַנ'אומגליק: ר'האָט די גאַנצע קאַסע פערלוירען. האָט ער מורא געהאַט און זיך געשעמט זיי דאָס צו דערצעהלען, איז ער דערפאַר אַנטלאָפען.

דער עולם האָט אָבער נישט געשוויגען, ס'זענען געפלויגען זידלערייען, קללות און פּעטש, מ'האָט הערשעל-פישלען געשלעפּט צו דין תורות, קיין גראָשען האָט זיך אָבער פון איהם נישט געלאָזט אַרויסקריגען. באין ברירה איז דער ענין איבערגעגאַנגען אין געריכט.

אַנימאָלט איז פאָרגעקומען די פערהאַנדלונג. דאָס געריכט האָט אין הערשעל-פישעלס מעשים איינגעפונען בולטע סמנים פון אַנ'אָפּערע און דעם גאַנצען ענין איבערגעשיקט צו דער פּראָקוראַטור.

ארגוס.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פעברואר

זון-אויפגאַנג 7.16
זון-אונטערגאַנג 4.24

דאנערשטאג
9
יג
שבט תרצ"ג

צווייַ דעלעגאַציעס איז ווארשא

וועגען דעם, אז דער לאָקאל-שטייער זאל בעשטימען דער מאגיסטראט און נישט די פינאנץ-מאכט

(2) אין שייכות מיט'ן בעשלוס פונ'ם מיניס-טאָרען-ראט צו איבערוויזען דאָס אויסמעסטען דעם לאָקאל- און הייזער-שטייער צו דער פינאַנץ-מאַכט — האָט אינטערוועניִרט אין ווארשא א דעלעגאציע אין די פערזאָנען פון דעפ. קאוואלסקי און וואָידאַן. אין שייכות דערמיט האָבען אויך נעכטען אָפּגעהאַלטען אין ווארשא קאָנפערענצען דער לאָיו-ניק פון דער שטייער-אָפּטיילונג, ה' קוק און מצד די הויז-בעזיצער, דער פאָרשטעהער פון דער קרע-דיט-געזעלשאַפט אין לאָדז, ה' לעוויצקי.

די אנגערופענע האָבען אינטערוועניִרט ווע-גען דעם, אז די אויסמעסטונג זאָל בלייבען אין רשות פון מאַגיסטראַט.

ערב א „ריינִיגונג"

אין די פאבריקען פון „שייבלער און גראהמאן"

(2) ווי מיר האָבען שוין געמאָלדען זענען אויף די מויערען פון דער פאבריק אויף קשיצנזשי מלין אויסגעהאָנגען מודעות, אז פונ'ם 20. ד. ח. וועט די פאבריק זיין טעטיג 2 טעג אין דער וואָך.

חוץ מזה דערוויסען מיר זיך, אז מאָנטאָג, דעם 6. ד. ח. איז געלאָזט געוואָרען אין גאנג די אַפּרעטור פון שייבלער'ן, וואו עס אַרבייטען איצט 70 אַרבייטער.

מחמת דעם, וואָס די בעשטעלונגען זענען קליין, איז די אַפּרעטור טעטיג בלויז 2 טעג אין דער וואָך, אזוי, אז נעכטען שוין האָט זי נישט געאַרבייט.

לויט ווי די פראָפעסיאָנעלע פעראיינען אינ-פאָרמירען גרייט מען זיך איצט ביי שייבלער'ן צו א „טשיסטקע" אויף אזא אופן, אז פון דער אַר-בייט זאָלען אָפּגעשטעלט ווערען די אַרבייטער, וואָס אין זייערע משפחות זענען דא פערדינערס, און אז אויף זייער אָרט זאָלען אָנגענומען ווערען אזעלכע, וואָס זענען די איינציגע שפּייזער פון זייערע משפחות.

האנדעלס-אנגעשטעלטע פּראָטעסטירען

געגען איינפיהרען אָפּצאָהלען פאר דענטיסטישער הילף

(2) אין לאָקאל פון פוילישען האנדעלס-אנגעשטעלטען-פעראיין איז אַרומגערעדט געוואָרען די פראגע פון איינפיהרען מיט'ן 6. ד. ח. אָפּצאָה-לען פאר דענטיסטישער הילף אין דער קראנקען-קאַסע.

די דאָזיגע אָפּצאָהלען בעטרעפען: פאר'ן אַרויסרייסען א צאָהן מ'זאָל נישט פיהלען דעם וועהטאָג — 1 זל., פאר א צעמענט-פּלאָמבע — 1 זל., פאר א פאָרצעליי-פּלאָמבע — 2 זל., פאר א נייעם צאָהן — 7 זלאָטעס.

בעת דער דיסקוסיע איז אָנגעוויזען געוואָרען, אז די דאָזיגע מקחים זענען נישט קיין סך ביליגערע, ווי ביי די פּריוואַטע דענטיסטען, וועלכע בעדינען, אגב, די קליענטען מיט מעהר אויפ-מערקזאַמקייט.

די פערזאַמעלטע האָבען אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אז די קראַנקען-קאַסע האָט נישט קיין רעכט צו נעהמען די אָפּצאָהלען, און אז די אַר-בייטער-אָרגאַניזאַציעס דאַרפען געגען דעם ענער-גיש פּראָטעסטירען.

31,083 אַרבייטסלאָזע

האָבען גענאָסען די פאריגע וואָך פון בחנם'דיגער הילף

(2) לויט דער רשימה פון דעם וואָיעוואָדי-שען קאָמיטעט צו העלפען די אַרבייטסלאָזע, האָ-בען די לעצטע וואָך גענאָסען בחנם'דיגע הילף פונם קאָמיטעט 31,083 אַרבייטסלאָזע.

טאָג-טעגלעך זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען — אין משך פון דער לעצטער וואָך — 26,567 אומזיסטע מיטאָגען אין 18 קוכען.

אַמטליכעס

(2) מחמת דער שווערער קראַנקהייט פונ'ם שטאָדט-פּרעזידענט ה' זשעמיענצקי פיהרט אויס זיינע פונקציעס דער וויצע-פּרעזידענט ה' סטאַניס-לאַוו ראַפּאַלסקי.

פון האַנדעלס-אנגעשטעלטען-פעראיין

שבת, דעם 11 ד.ח. $8_2/^1$ אָוונט קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאל (אַל. קאָשטשושקי 28) די פאָרטזעצונג פון דער אַלגעמיינער מיטגלידער-פער-זאַמלונג פון האַנדעלס- און ביוראָ-אַנגעשטעלטען-פעראיין.

בעשטראָפטע גנבים

דעם 19-יאָהריגען גנב אַלטער הערשקאָוויטש האָט מען דעם 30 דעצעמבער פ. י. געכאַפּט ביי דער האַנד בעת ער האָט אויסגעפיהרט א גנבה אויף פּילסודסקיעגאָ 32 ביי איינעם סטאַניסלאַוו פּאַצאַק.

אזוי ווי הערשקאָוויטש איז שוין נישט קיין „פריץ אין דעם גנבים-בראַנזשע", האָט ער נעכטען בעקומען פון געריכט א פּסק — אַנדערטהאַלבען יאָהר טורמע.

(2) דאָס געריכט האָט נעכטען אויך פער'-משפּט פאר א גנבה: סטעפאַן סטאַשאַק'ן — אויף 3 יאָהר, סטאַניסלאַוו סטעפּאַניאַק'ן — אויף 2 יאָהר, הענריק שיענקיעוויטש — אויף א יאָהר, און פעליקס וואַשיאַק'ן — אויף 8 חדשים טורמע.

שטרייק אין דער זאקן-אינדוסטריע פערשאַרפט זיך

1500 אַרבייטער געוואָרפען די אַרבייט

(א) דער קאָנפליקט אין דער זאָקען-אינדוסטריע האָט זיך פערשאַרפט. נעכטען האָבען געשטרייקט 1500 אַרבייטער פון 8 פאַבריקען. צוליב דעם וואָס די פאַבריקאַנטען האָבען רעדוצירט די אַר-בייטס-לוינען, האָבען די אַרבייטער אַלס פּראָטעסט געוואָרפען די אַרבייט.

די טעג וועט ביים אַרבייטס-אינספּעקטאָר פאָרקומען א קאָנפערענץ פון די צדדים

פון טעקסטיל-מייסטער-פעראיין

געוועהלט א נייע פערוואַלטונג

אין אייגענעם לאָקאַל (זאַכאָדניא 63) איז אונ-טערן פאָרזיץ פון י. ב. לעווקאָוויטש פאָרגעקומען די אַלגעמיינע יעהרליכע מיטגלידער-פערזאַמלונג פון טעקסטיל-מייסטער-פעראיין.

אין דער נייער פערוואַלטונג זענען געוועהלט געוואָרען: ראובן עפּשטיין — פּרעזעס, יוזעף זשולט-קאָווסקי — וויצע-פּרעזעס און וויט. ב. קאָפּעלאָ-וויטש — סעקרעטאַר. א. אַלטער — קאַסיר, עמנואל שנייבערג און גאָלדבערג.

רעוו. קאָמ: גאָלדוואַג, אַמסטערדאַם און קאָנ-טאָר. חברים-געריכט: ד. ווײַלאַנד, ב. פּשיבישעוו-וויטש, מ. סיער. א. אַלטער, ר. עפּשטיין, י. פּאָרט-נאָי, ה. גאָלדבערג, י. זשולטקאָווסקי, א. דאָקטאָר-טשיק און וו. לאַסקאָווסקי.

* * *

שבת דעם 11 ד.ח. 7 אָוו. וועט דער לייטער פון די טעקסטיל-פאַבריקען אין זאַקסען ה' שאָרף האַל-טען א רעפעראַט אין לאָקאַל פון טעקסטיל-מייסטער-פעראיין.

„מוזיקאלישע" גנבים-באנדע

4 גנבים בעקומען צוזאמען 6 יאהר מיט 8 חדשים תפיסה

(א) פאר'ן געריכט זענען נעכטען געשטאַנען 4 גנבים און א פאַסער, וועלכע זענען אָנגעקלאָגט געוואָרען, אז צוזאַמען האָבען זיי אויסגעפיהרט א גנבה ביי מאַקס טיצעל (דאָמבראָווסקאַ 7) וואו זיי האָבען צוגענומען א פידעל און אַנדערע חפצים אין דער ווערט פון 300 זלאָטעס.

דאָס געריכט האָט פערמשפּט: סטאַשאַק אויף 3 יאָהר; סטעפּאַניאַק אויף 2 יאָהר; שיענקיעוויטש 1 יאָהר, וואַשאַק — 8 חדשים תפיסה, פּראַנטשאַק איז צוליב מאַנגעל אין בעווייזען בעפרייט געוואָרען.

כי מפאביאניץ תצא „תורה"...

א טשיקאווע זאך: דארט איז געגרינדעט געווארען א היטלער-פארטיי

(2) לעצטענס האָט זיך אין פאַביאַניץ גע-גרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע א. נ. „פּאַרטיי פון נאַ-ציאָנאַל-סאָציאַליסטען", וואָס בעדאַרף צו גיין אין די דרכים פון די דייטשע היטלעריסטען.

די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע האַלט זיך פאַר א צענטראַלע, און האָט ברעה צו בילדען אָפּטיילונ-גען אין אַלע שטעט פון פוילען.

וואָס שייך דעם פּראָגראַם פון די נייע „פוילישע היטלעריסטען" (דעם פאַריגען יאָהר איז שוין געמאַכט געוואָרען אַזא פּרוב אין לאָדז, אָבער פון דער מעשה איז גאָרנישט געוואָרען) פעהלען אויס פּרטים.

הכנות צו די פריהלינגס-ארבייטען

ביי דער קאנאליזאציע

(א) די קאַנאַליזאַציע-אָפּטיילונג ביים מאַ-גיסטראַט איז איצט צוגעטרעטען צום אויסאַרביי-טען דעם פּלאַן פון די קאַנאַליזאַציע-אַרבייטען אויפ'ן לויפענדען יאָהר.

דער פּלאַן פון די אַרבייטען ווערט פאָראויס-געזעהן, ווי אין דעם פאַריגען יאָהר און זעהט פאָר דאָס אַדורכפיהרען פון די קאַנאַלען אויף א שטח פון 3,103 מעטער.

ביי דער אַרבייט וועלען זיין בעשעפטיגט אַנ'ערך 3000 אַרבייטער, ד. ה. דיזעלבע צאָהל, וואָס פאַראַיאָהרען.

די אַרבייטען זאָלען זיך אָנהויבען דעם 24–26 אַפּריל ד. י.

א משוגענער „שפילט" זיך

און מאכט אז א גרויסע שרפה

(2) אין דעם גוט וואָרטשין, הינטער שיע-ראַדז, איז צהערנעכטען געקומען דער גייסטיג-קראַנקער 19-יעהריגער שלעפּער יאַן קלוסקיעוויטש און געבעטען מ'זאָל איהם געבען עפּיס אַרבייט.

מ'האָט איהם זיין בקשה אָפּגעזאָגט.

ער האָט זיך דעריבער אַריינגעגנב'עט אין א שטאַל און זיך אָנגעהויבען שפּילען מיט פייער ביז די שטאַל האָט זיך אָנגעכאַפּט און עס איז ענטשטאַנען א שרפה, בעת וועלכער עס זענען פערברענט געוואָרען עטליכע שטאַלען און שאָפעס מיט זאַפּאַסען פון תבואה און שטרוי.

דאָס שפּילעכעל פונ'ם משוגענעם האָט אָנגע-מאַכט א היזק אויף אַנ'ערך 50,000 זלאָטעס.

דעם אונטערצינדער גופא האָט מען קוים אָפּגעראַטעוועט מיט'ן לעבען.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאַכט דיזשורירען: י. קאַפּראַלסקי (נאָוואָמיעסקאַ 15), ס. טראַווקאָווסקי (בזשעזשינער 56), מ. ראָזענבלום (שרודמיעסקאַ 12), מ. באַרטאַ שעווסקי (פּיעטרקאָווער 95), י. קלופּטאַ (קאָנטנע 54), ל. טשינסקי (ראָקיטשינער 53).

שבת ווערט געעפענט

די בילדער-אויסשטעלונג פונ'ם קינסטלער ראזאניעצקי

די פאָרבערייטונגען צו דער בילדער-אויס-שטעלונג פון בעקאַנטען קינסטלער ראָזאַניעצקי זע-נען אין פולען גאַנג. די בילדער, וועלכע האָבען זיך ביז איצט געפונען אין פּאַריז, זענען שוין אָנ-געקומען קיין לאָדז, און דעם קומענדיגען שבת ווערט שוין די אויסשטעלונג געעפענט אין די זאַ-לען פון „בני-ברית", פּיעטריקאָווער 90.

צו דער ערעפנונג פון דער אויסשטעלונג זענען איינגעלאַדען פאָרשטעהער פון אַלע געזעל-שאַפטליכע גרופּירונגען, מאַכט, פּרעסע און בעזונ-דערע אָנגעזעהענע געזעלשאַפטליכע טהוער.

די אויסשטעלונג וועט זיין אָפען א קורצע צייט.

קלאַנג-קינא-טעאַטער
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26
היינט און פאלג. טעג!
גרויסע דראַמע א. נ.
„אונבעקאנטער זינגער"
אין די הויפּט-ראָלען:
LUCIEN MURATON
און SIMONC CERDON
אויסערן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאבע
אָנהויב פון די סעאַנסען טעגליך 4 נאָכמיטאָג
שבת און זונטאָג 12 א זייגער בייטאָג.

נאַרוטאָוויטש 20 — זאל פילהארמאניע — טעל. 213-84
זונטאג, דעם 12-טען פעברואַר 1933, 9 א זייגער אָוונט
אווענד פון יודישע פאלקס-לידער
חיה'לע גראבער
אַרטיסטין פון טעאַטער „הבימה"
נייע פּראָגראַם:
נייע קינדער-לידער · נייע גאַסען-לידער
נייע פאלקס-לידער · נייע חסידישע נגונים
ביים קלאַוויר: ד"ר. טעאדאר רידער.
בילעטען שוין צו בעקומען ביי דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

אַ סכנה פון פערפלייצונג
דראָהט די לאָדזער סביבה

(א) צוליב דעם, וואָס דאָס אייז אויפ'ן טייך ווארטא האָט גענומען שמעלצען, איז דאָ אַ געפאַהר פון אַ פערפלייצונג.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, איז אַ ספּעציעלע קאָמיסיע נעכטען ארויסגעפאַהרען קיין קאָנין, קאָלאָ שעראַדז און ווארטא, כדי אָנצונעהמען מיטלען אויף צו פערהיטען פון אַ פערפלייצונגס-קאַטאַסטראָפע אין דער לאָדזער סביבה.

רעפעראַט פון דעפּ. יצחק גרינבוים אין לאָדז

נעכטען איז אין לאָדזער פילהארמאָניע-זאַל פאָרגעקומען דער רעפעראַט פון דעפּ. יצחק גרינבוים וועגען דער לאַגע פון די יידען אין דער גאַנצער וועלט. דעפּ. גרינבוים האָט געהאַלטען אין פערלויף פון איבער 3 שעה אין שפּאַנונג דעם פולגעפּאַקטען עולם מיט זיין אינהאַלטסרייכען רעפעראַט. אַ גענויען בעריכט וועלען מיר ברענגען מאָרגען.

גאַסטשפּילען פון דר. פּאול באַראַטאַוו אין טעאַטער „סקאלא“

היינט, דאָנערשטאָג, ווערט געשפּילט צו פּאָפּולערע פּרייזען דאָס בעריהמטע סאָציאַלע ווערק פון ערנסט טאָלער „הינקעמאַן“ מיט דר. פּאול באַראַטאַוו אין דער טיטול-ראָל.

מאָרגען פרייטאָג „נחת פון קינדער“.

רעזאָלוציע פון רעוויזיאָניסטישען מיטינג וועגען עבר-הירדן

נעכטען איז אין אייגענעם לאָקאַל פון ברית הצה"ר פאָרגעקומען אַ גרויסער מיטינג אויף דעם טעמא: „דאָס בונגערויבטע לאַנד עבר-הירדן“. נאָך די רעפעראַטען פון די ה"ה: י. גירשנבערג, אינזש. לובלינסקי און קלינגבייל איז אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„די פערזאַמלונג גערופען דורך ברית הצה"ר אין לאָדז דעם 8/2 ערקלערט פייערליך, אַז עבר-הירדן איז פערבונדען היסטאָריש און ווירטשאַפטליך מיט דער מערב-זייט פון ירדן — און וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגען פון זיינע רעכט אויף דעם דאָזיגען לאַנד, וועלכעס איז שטענדיג געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון ארץ-ישראל.

די פערזאַמלונג ערקלערט פייערליך, אַז דאָס יודישע פאָלק וועט קיינמאָל נישט אויפהערען צו פאָדערן אַ יודישע מלוכה פון ביידע זייטען פון ירדן“.

הילף פאַר אָרימע יוד. קינדער!
קאָנצערט-ראַוט אָרדנט איין דער הילף קאָמיטעט ביי דער פאָלקס-שול 144

די לאַגע פון די אָרימע יודישע קינדער אין די פאָלקס-שולען ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ טרויעריגער. אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע קומען זיי ווינטער אין די פּרעסט אין דער שולע.

ביי דער פאָלקס-שול 144 (11 ליסטאָפּאַד 72) איז אַ דאַנק דער איניציאַטיווע פון לעהרער-פּערסאָנאַל און שול-לייטונג געשאַפען געוואָרען אַ קאָמיטעט, וואָס זאָרגט פאַר די דאָזיגע קינדער.

כדי אַדורכצופיהרען די הילף-אַקציע, אָרדנעט דער קאָמיטעט איין קומענדיגען שבת אָוועונד אַ גרויסען קאָנצערט-ראַוט אין ווארשאַוער זאַל (פּאָלודניאָווא 36). ס'איז צו האָפען, אַז דער ראַוט וועט וואַרים אונטערשטיצט ווערען.

אַ אויפרוף צו דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג!

דער אינטערנאַט פאַר יודישע קינדער און פערמע אין העלענובעק, וועלכע איז דער יודישער בעפעלקערונג גוט בעקאַנט אַלס אַן אינסטיטוציע, וועלכע זאָרגט נישט נאָר פאַר די געוועהנליכע בעדערפעניסען פונם יודישען פערוואָהרלאָזטען קינד, ווי עסען און טרינקען א. אַ. וו. נאָר אויך אַלס די אינסטיטוציע, וועלכע האָט געשטעלט פאַר זיך די שווערע און פעראַנטוואָרטליכע אויפגאַבע פון פּראָדוקטיוויזירען און געבען איהם אַן'ענטשפּרעכענדע ערציהונג אַלס יוד און אַלס זעלבסטשטענדיגען מענש.

די דאָזיגע אויפגאַבע האָט פיל מיה און געלד איינגעשלונגען, ברענגענדיג אָבער די בעסטע ערפאָלגען און פרייגפיהרענדיג אין לעבען און דערנעהנטערנד צו אַ תכלית פיל יתומים און קינדער פון אָרימע עלטערן.

אין משך פון זיין 8-יאָהריגער עקזיסטענץ האָט דער אינטערנאַט בעוויזען צו פערוואַנדלען אַ וויסט פעלד הינטער לאָדז אין אַ פרוכטבאַרע פערמע מיט מאָדערנע געביידעס, אַ גרויסען אינווענטאַר און אַן'אייגענע אָראַנזשעריע פאַר בלומען און געמיזע-צוכט. דער אינטערנאַט, וועלכער ווערט אָפט בעזוכט פון אָנגעזעהענע, יודישע און נישט-יודישע פּערזענליכקייטען, ווערט שטאַרק געריהמט און איז אַ שטאָלץ נישט נאָר פאַר דער לאָדזער יודישער געזעלשאַפטליכקייט, נאָר אויך פאַר דער יודישער געזעלשאַפטליכקייט פון גאַנץ פּוילען.

שטעהענדיג פאַר דער אויפגאַבע צו געבען דעם קינד אַ פולקאָמע נאַציאָנאַלע ערציהונג אַלס מענש און יוד, ווערט ביים אינטערנאַט אויך אויסגעהאַלטען אַן'אייגענע פרעבעל און פאָלקס-שולע.

די דאָזיגע אַלע אונזערע דערגרייכונגען האָבען אָבער — ווי געזאָגט — איינגעשלונגען פיל ענערגיע, מיה און געלד, איבערלאָזענדיג נאָך זיך פיל חובות, וועלכע שטעלען אונז אונגעהויערע שטערונגען אין אונזער אַרבייט פאַרן פערוואָהרלאָזטען יודישען קינד. צוגעבענדיג דערצו דעם שווערען קאַמף פאַר דעם טאָג-טעגליכען אויסהאַלטען פון די קינדער אין דער היינטיגער שווערען קריזיס-צייט — ווערט קלאָר, אַז דאָס ווייטערדיגע אָנפיהרען פון אינטערנאַט איז נישט לויט די כוחות פון דער פערוואַלטונג. דער מצב ווערט קריטישער פון טאָג צו טאָג, און נאָך אַן'אַכט-יאָהריגער עקזיסטענץ, אין משך פון וועלכער עס זענען געמאַכט געוואָרען אינוועסטיציעס אויף אַ סומע פון 600.000 זל., דראָהט אונז יעצט, אַז דער אינטערנאַט זאָל — חס ושלום — געבראָכען ווערען. מיר האָבען דאָ בעלויכטען די לאַגע גאַנץ קלאָר, און מיר ווענדען זיך מיט דעם דאָזיגען רוף צו אַלע לאָדזער יודען, וועלכע האָבען געזעהען און געהערט וועגען דעם אינטערנאַט, און צו די, וועלכע האָבען איהם, ליידער, נאָך נישט בעזוכט און נישט געזעהען, — צו העלפען דער דאָזיגער אינסטיטוציע אין איהר יעצטיגער גרויסער נויט און געבען איהר די מעגליכקייט צו אַ ווייטערדיגער עקזיסטענץ לטובת דעם יודישען פערוואָהרלאָזטען קינד!

מיר האָפען, אַז אונזער רוף צו אייך, לאָדזער יודען, וועט נישט בלייבען אַ קול קורא במדבר!

דאָס פּרעזידיום פון פערוואַלטונג פון אינטערנאַט פאַר יוד. קינדער און פערמע אין העלענובעק.

(—) מרדכי חיים רומקאָווסקי
(—) פנחס גערשאָווסקי
(—) יהודה לייב אוריסאָן
(—) שמואל רייכמאַן
(—) משה סאַפּיר
(—) פ. י. לאַנדאַו
(—) יחיאל פּיקיעלני
(—) הענריק פריימאַן
(—) נחום מאַזאַ
(—) ה. לאַזינסקי
(—) הענריק פּאָפּאָווסקי.

קאָנצערט-דירעקציע: אַלפרעד שטרויך.
זאַל פילהארמאָניע
היינט, דאָנערשטאָג, דעם 9. פעברואר 1933, 8.30 אָוונט שפּילט
IMRE UNGAR
ערשטער לאַורעאַט פון שאָפּען-קאָנקורס.
—: געניאַלע וויירקען אין די פּראָגראַמען. :—
בילעטען פון 1 זל. ביז 6 זל. שוין צו בעקומען אין קאַסע פון פילהארמאָניע.

אַרגענטינע-נומער פון די „ליטעראַרישע בלעטער“

די לאַנד-נומערען פון די „ליטעראַרישע בלעטער“ האָבען זיך שוין קונה-שם געווען. עס זענען ווי בעקאַנט, ביז'אַהער דערשינען נומערען געווידמעט דעם יודישען שאַפען אין דייטשלאַנד, גאַליציע, ווילנע, דער היינטיגער פערגרעסערטער נומער איז געווידמעט דעם יודישען קולטור-שאַפען אין אַרגענטינע. אין דעם נומער זענען אַריין זעהר אינטערעסאַנטע אַרטיקלען פון די אָנגעזעהענסטע אַרגענטינער שרייבער און קולטור-טוער. דער נומער ווערט געעפענט דורך דעם בעוואוסטען יודישען עלטסטען שרייבער אין אַרגענטינע, דעם מחבר פון „דרייסיג יאָהר אין אַרגענטינע“ — מרדכי אַלפּערסאָן, ער דערציילט אַן'אינטערעסאַנטע דערציהונג „די פּאַרסעסיע אויף פערדעלעס נאָמען“. דערנאָך קומען אַרטיקלען: משה דוד גיסער — אַ דור יודישע שרייבער אין אַרגענטינע; ד"ר ח. גאָלד — און נאָך צוויי דורות יודישע שרייבער אין אַרגענטינע; א. ל. שוסהים — די יודישע געזעלשאַפטליכקייט אין אַרגענטינע; נ. קרעטשמאַר — די יודישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע אין איצטיגען מאָמענט; ד"ר י. קאָוואַנסקי — יודיש שול-וועזען אין אַרגענטינע; יעקב באָטאָשאַנסקי — דאָס יודישע טעאַטער אין אַרגענטינע; יוסף מאַנדעלסאָן — יודען אין אַרגענטינער ליטעראַטור און וויסענשאַפט; די ערשטע פּעריאָדישע יודישע אויסגאַבען אין אַרגענטינע. —

ווי עס איז צו זעהען פון דער רשימה פון די אַרטיקלען איז געגעבען אין נומער אַ פולע אָפּשפּיגלונג פון דעם יודישען קולטור-לעבען אין אַרגענטינע מיט דיין אייגענאַרטיגען יודישען לעבען.

יעדער פריינד פון יודישען וואָרט וועט געוויס גערן אַדורכלייענען דעם נומער, וואָס עפענט איהם אַ פענסטער אין דעם ווייטען לאַנד. —

היינטיגער קאָנצערט פון אימרע אונגאַר

דער בעריהמטער קינסטלער אימרע אונגאַר טרעט ארויס היינט דאָנערשטאָג, 8.30 אָוונט אין פילהארמאָניע-זאַל אויפ'ן 11 טען מייסטער-קאָנצערט

אין זיין היינטיגען פּראָגראַם וועט דער קינסטלער אויספיהרען די שענסטע פּערל פון זיין רייכען קלאַוויר-רעפּערטואַר.

Dr. med. H. ŁUBICZ
ספּעצ. פאַר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראַנקה.
צעגעלניאַנאַ 7, טעל. 141-32
נעמט אָן פון 8—10 פריה, פון 12—2 נאָכמ. און פון 5—8 אָוונט. זונטאָג פון 9—11 פריה.

טעאַטער „סקאלא“, שרודמיעסקאַ 15.
גאַסטשפּילען פון וועלט-בעריהמטען אַרטיסט
ד"ר פּאול באַראַטאַוו
צוזאַמען מיט'ן אויסגעצייכנעטען אַנסאַמבל: ס. אַלטבוים, ח. בראָקאָוש, א. דאָמב, ה. האַרט, מ. מעלמאַן, א. קורץ, ל. ראָזענבערג, נ. רייכענבערג, א. שליפּקאָוויטש.
היינט, דאָנערשטאָג, 9 אָוונט
פּאָפּולערע פאָרשטעלונג פון 60 גר. ביז 2.20
הינקעמאַן
מאָרגן, פרייטאָג, 9 אָוונט צום 3-טען מאָל
נחת פון קינדער
לעבענסבילד אין 4 אַקטען פון י. גאָרדין.
שבת, 4 נאָכמיטאָג
דוד גאָלדער
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער.

ר. איזראַעל

משפחות אין פלאַמען

סענסאַציאָנעלער ראָמאַן פון יודישען פאַמיליען-לעבען

91)

מרים האָט געעפענט די טיר און פשוט געריסען דעם צוטומעלטען מאַרעק פון'ם פּוילישען דאָס צימער, זי האָט נישט געלאָזען איהם אַרויסרעדען אַ וואָרט.

מיין ענטוישונג איז צו גרויס, אַז איך זאָל זיך איצט קענען ערנסט טראַכטען וועגען דיר, האָט מרים נאָך געזאָגט, איך האָב רעזיגנירט פון דיין ליבע, ווי שווער דאָס איז מיר אָנגעקומען און וויפיל אַך האָב געליטען דערפון, איך האָב נאָר געזוכט שוץ, הילף פאַר אַנ'עלענדען און אומגליקליכען מענשען און אויך דאָס האָסטו די מיר אָפּגעזאָגט אויף אַ ברוטאַלען אופן. אפשר איז דאָס גוט געשעהען, ווייל איך פיהל אין זיך ביידעם מוט, ביידע ענערגיע, ביידע שטאַרקייט פון אייגענע כוחות, איך פיהל, אַז איך וועל זיך שוין אַליין קענען אַדורכבעקומען דורך מיין שווערען, עלענדען לעבען.

מאַרעק איז אַוועק און עפּעס אַ מאָדנע איבערקעהרעניש איז געשעהן ביי מרימ'ען, אין איהר, אַזוי ווי זי וואָלט מאַרעקען קיינמאָל נישט געקענט, ווי ער וואָלט העכסטענס געווען ביי איהר אַ ווייטער בעקאַנטער, פאַר וועלכען זי האָט געהאַט דרך-ארץ, צוליב זיין גוטסקייט און ערליכקייט, און איצט, ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז ער איז נישט גוט און נישט ערליך, האָט זי איהם איינגאַנצען נישט געטראַכט וועגען דעם דאָזיגען מענשען.

— אַזוי איז עס, האָט מרים געזאָגט מיט'ן גאַנצען כעס, נאָכדעם ווי מאַרעק איז אַוועק, איך האָב זיך נאָר געהאַט צוגעוואוינט צו איהם. איך בין געווען אַ נאַאיוו מיידעל, צווייטענס פון מיין טעמפּעראַמענט, געהאַמעוועט מיין ווייבליכקייט, געפּענטעט אין אַלע זייטען, און דעם ערשטען בעסטען מאַנספּערשוין, וועלכען איך האָב אָנגעטראָפען אויפ'ן וועג, האָב איך געהאַלטען פאַר מיין געליבטען. יאָ, אַ נאַר בין איך געווען, אַ גרויסער נאַר. יעדער אויסוואורף האָט מיך פערגוואַלדיגט מיט זיין ברוטאַלער כוח, מיט געוואַלד קעגען, וועלכער איך האָב זיך נישט געקענט אַקעגענשטעלען, ער האָט מיך אויף דעם אופן געקענט ערמאָרדען אויך, אָבער דער דאָזיגער אויסוואורף האָט דורך צביעות און פאַלשקייט אויסגענאַרט מיינע קושען, מיין מיידעלישע צערטליכקייט. איך וועל דאָס איהם קיינמאָל אין לעבען נישט פערגעסען.

מרים איז געבליבען מיט זיך אַליין. דאָס איינציגע וועגען וואָס זי האָט איצט געטראַכט איז געווען, ווי אַזוי נקמה צו נעהמען אָן מאַרעקען, אָן דעם, וועלכער האָט זי אַזוי שווער בעליידיגט.

— איך וועל חתונה-האָבען מיט מאַקסען. אַנקא האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז ער וויל דאָס, אַז ער בעט זיך וועגען דעם, ער איז דאָך דער פאָטער פון דעם קינד, וועלכעס איך טראָג אונטער מיין האַרצען.

ביי דעם געדאַנק וועגען קינד איז מרים געוואָרען גאָר אַנ'אַנדערע. שטילע, רוהיגע טרעהרען האָבען זיך אָנגעהויבען צו גיסען איבער איהרע באַקען. איהר האַרץ האָט אונרוהיג אָנגעהויבען זיך צו בעוועגען, זי האָט שווער געאָטעמט.

— וואָס איז דען אייגענטליך געשעהען, איז איהר פלוצלונג אַדורך אַ געדאַנק דורך דעם קאָפּ? זי וועט האָבען אַ קינד, מאַקס וועט זיין איהר מאַן און ער איז דאָך טאַקע דער פאָטער פון דעם קינד. וועמענס מאָראַל איז דאָ בעליידיגט געוואָרען. קיינעמס נישט, אַזוי פיהרט זיך דאָך די וועלט. און מאַרעק וועט צוזעהען פון דערווייטענס ווי גליקליך זי וועט לעבען מיט איהר מאַן און קינד און ס'וועט איהם פערדריסען, זיכער וועט דאָס איהם פערדריסען, אָבער זי וועט זיך פרעהען פון דער נקמה....

פלוצלונג האָט זי זיך דערשראָקען פאַר איהרע אייגענע געדאַנקען.

— אַנ'אויסוואורף, וועלכער האָט זי פערגוואַלדיגט, וועלכער האָט געטריבען איהר מיידעלשקייט איהר צניעות אויף אַזאַ נידערטרעכטיגען אופן. דער דאָזיגער פּערשוין מיט די בלוט פערלאָפענע אויגען, מיט די געשוואָלענע ליפּען, מיט דעם הייסען אָטעם, מיט די חיה'שע בעגער, דער וועט זיין איהר מאַן? קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט, דאָס קען נישט און וועט נישט געשעהען.

זי האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס שרעקליכע בילד, ווי מאַקס איז געקראָכען אויף איהר בעט, ווי ער האָט זי געמאַטערט און געפּייניגט מיט זיינע שטאַרקע הענד, ווי ער האָט מיט זיינע עקלהאַפטע הענד געגלעט איהר קערפּער און האָט זיך געציטערט פון שרעק, אַז זי האָט אַפילו געקענט טראַכטען וועגען דעם, אַז מאַקס וועט זיין איהר מאַן.

— ניין, דאָס קינד, וואָס וועט געבוירען ווערען וועט גאָרנישט זיין ענהליך צו מאַקסען. עס וועט זיין ענהליך צו מיר אַליין, איך וועל קיינעם דערצו נישט צולאָזען, איך וועל עס אַליין אויפהאָדעווען, אַליין ערציהען.

און באַלד האָט זי חרטה געהאַט, וואָס זי האָט פערטריבען מאַרעקען. פאַרוואָס!? ער האָט דאָך געקענט איבערראַשט ווערען פון דער שרעקליכער בשורה, וואָס איך האָב איהם אָנגעזאָגט און דאָס איז געווען דער ערשטער דערוואוף, אין אַ געוויסער מאָס איז ער דאָך געווען גערעכט. פאַרוואָס-זשע האָט זי איהם אַזוי פערטריבען.

אָבער באַלד האָט זי זיך בעטראַכט, אַז ער האָט איהר נישט געטאָרט אַזוי ענטפערען, אַז ער האָט געדאַרפט האָבען פיל מעהר פערשטענדניש פאַר איהר און געדאַרפט זיין פיל דעליקאַטער.

— איך דאַרף זיי ביידע נישט, האָט זי זיך ווידער צושריגען, נישט מאַרקען און נישט דעם אויסוואורף, ווען האַנקא וועט קומען וועל איך איהר זאָגען, אַז זי זאָל איבערגעבען איהר ברודער מאַקס, דאָס ער זאָל געהן צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, אַז ער זאָל זיך נישט וואַגען מעהר צו מיר צו שיקען.

און אין די מינוטען פון גרעסטער צאָרן און פערצווייפלונג האָט זי זיך פלוצלונג דערמאָהנט אין דעם בריוועל, וואָס זי האָט בעקומען פון דידין, איידער ער האָט פערלאָזען די שטאָט.

(פאָרטזעצונג קומט)

די זינגערין מאריא ראפ-יאנאווסקא
צו איהר מארגענדיגען קאנצערט פון יודישע פאלקס-לידער

קיין לאדז איז געקומען אויף א קאנצערט פון יודישע פאלקסלידער, די בארימטע אָפּערן-זינגערין מאריא ראפ.

דער דאָזיגער נאָמען איז נישט אין לאדז קיין נייער. מאריא ראפ איז א לאָדזער קינד און האט אנגעהויבען איהר יונגע מוזיק-קאריערע אין לאדז. זי איז א פרוי פון דעם בעקאנטען לאָדזער מוזיק-מעצענאט בייקעל יאנאווסקי, וועלכער האט אזוי שטארק געוואָרגט פאר דער אויסבילדונג און ענטוויקלונג פון דער פרעכטיגער סאָפּראַן-שטימע פון מאריא ראפ.

דורך דער צוויי צעהנדליג יאהר וואס מאריא ראפ האט לעצטענס פערבראכט אין אויסלאנד האט זי געפייערט אמת'ע טריומפען אין בייגע וועלט-טיילען אין די גרעסטע שטעט פון אייראָפּא און אמעריקא, זי איז דורך דער קריטיק פערגליכען געוואָרען צו די גרעסטע וועלט-זינגעריננעס. סיי צוליב דער שטים, סיי צוליב דער בעהערשונג פון דער שטים, און דער קונסט פון זינגען.

פרוי מאריא ראפ-יאנאווסקא האט אנגעהויבען איהר קאריערע אין לאדזער „הזמיר" און איז דאן גלייך איבערגעגאנגען אין דער אָפּערע, איהרע ערשטע אויפטריטען זענען געווען אין דער אָפּערא „טראוויאטא" וועלכע איז בשעתו אויפגעפיהרט געוואָרען אין לאדז אונטער דער אָנפיהרונג פון בראָניסלאַוו שולץ. איהרע דעמאָלטדיגע אויפטריטען האָבען איהר גלייך פאראויסגעזאָגט א גלענצענדע צוקונפט, וואס איז אויך פערווירקליכט געוואָרען.

דיינעבדיג זאט מיט איהרע גרויסע טריומפען אויף אלע אייראָפּעאישע עסטראַדעס האט מאריא ראפ אנגעהויבען צו טראַכטען וועגען דער יודישער מוזיק און לסוף האט זי געגרינדעט אין בערלין א גרויסע מוזיקאלישע געזעלשאפט וועלכע דאַרף פלעגען דאס יודישע פאלקס-ליד. מאריא ראפ האט באלד געוואָלט איבערצייגען די וועלט וועגען דער הערליכקייט פון יודישען פאלקס-ליד און האט דער-ווייטערענדיג זיך ענטוואָס פון דער אָפּערע האט זי אנגעהויבען צו געבען קאנצערטען פון יודישע פאלקס-לידער, אבער דאס אין א גאנץ נייער איבערפערטאַציע, אין א גאנץ נייע אויפפאסונג. דאס יודישע פאלקסליד ווערט דורך מאריא ראפ געזונגען אין דער בעגלייטונג פון א שטרייך-קווארטעט דערביי פערטרעט די ערשטע פידעל די שטימע פון מאריא ראפ, דאס איז גאר עפעס נייעס און אזא ערשטער קאנצערט וועט געגעבען ווערען היינטיגען פרייטאג אין לאדז. די ליבהאבער פון יודישען פאלקסליד, פון ריינע מוזיק, פון קולטורווייטען זינגען, וועלען זיכער נישט אַרויסלאָזען די געלעגענהייט צו הערען די געזאנג-קינסטלערין מאריא ראפ-יאנאווסקא אין איהר קאנצערט פון יודישע פאלקס-לידער.

א יודישע לאנדווירטשאפטליכע לערן-פערמע אין ביאליסטאק

ווי מ'טיילט אונז מיט, ווערט דורך דער געזעלשאפט צו פערשפרייטען מלאכה און ערדארבייט צווישען יודען „ארט" אין ביאליסטאק געשאפען א לערן-פערמע פאר לאנדווירטשאפט, גערטנעריי, ביהנען-צוכט, פליגעל-צוכט און מילך-ווירטשאפט.

די פערמע ווערט איינגעאָרדענט אין א גרויסען מאיאנטעק מיט פרעכטיגע בנינים אין א זעהר שעהנער געגענד נישט ווייט פון ביאליסטאק.

די קורסען האבען דעם ציל אין משך פון 10 חדשים פראקטיש אויסצובילדען פאכלייט אין דער לאנדווירטשאפט און אין דער גערטנעריי 8 חדשים פראקטישע ארבייט אויף די פעלדער און 2 חדשים די נויטיגסטע טעאָרעטישע ידיעות וועגען דער ערד, אופנים פון בעארבייטונג, בעמיסטיגונג א.א.וו.

ביי די קורסען — אנ'אינטערנאט.

דער שכר לימוד מיט דער פולער אויסהאלטונג בעטרעפט 45 זל. א חודש.

די רעגיסטראציע פערענדיגט זיך דעם 1-טן מערץ.

גענויע אינפארמאציעס צו בעקומען אין „ארט" ביאליסטאק, סיענקעוויטשא 23, צולייגענדיג אויף א תשובה א מארקע.

„מיעסיענטשניק זשידאווסקי"

דער נייעסטער דאפעל-העפט 11—12 אוגוסט דער רעדאקציע פון ד"ר ז. עלענבערג האט פאלגענדען אינהאלט (192 זייטען):

מ. באלאבאן: פראבלעמען פון יודישער געשיכטס-פילאזאפיע אין שייכות מיט דער געשיכטע פון יודען אין פוילען.

ל. בראנדשטעטער: די טראגעדיע פון יוליאן קלאטשקא.

חיים לעוו: די סאציאלע דראמע פון לייוויק.

א. גאטליב: אויף די שפורען פון צוויי-טויזענד-יאהריגער וואנדערונג.

אריה ראסין: דער גייסטיגער און מאראלישער מצב פון פוילישען יודענטום אין 17. און 18. יאהרהונדערט.

ע. שטיין: סאציאלע היגיענע אין דער תקופה פון תלמוד.

א. י. פראוואלסקי: די קאאפעראטיווע בעוועגונג ביי די פוילישע יודען (7—5).

ל. אבערלענדער: לביב...

שלום אש: איך קאן לענגער נישט שווייגען.

י. אסטרוצער: דער עפאס פון דער יודישער קאטאסטראפע.

א. פעלדמאן: געשיכטע פון יודען אין ווארשא.

ד. האראוויץ: די סבות פון דער גוטער עקאנאמישער קאניונקטור אין א"י.

ז. עלענבערג: דער קעמפער פאר'ן אמת.

פ. שלאנג: אוריאל דא קאסטא.

מ. סאבעל: יודישער ארבייטער-בעוועגונג.

ה. שטארנבאך: דער 18. נאוועמבער.

מ. אלטער: „דער ווינער גט".

נ. עק: „תקופתנו".

אדמיניסטראציע: ווארשא, רימארסקא 8.
רעדאקציע: לאדז, נארוטאוויטשא 96.

גענעראל קאטאווסקי
— פון — ר. גול

16.

און זעהר אפט האט דער שטאב, וואס איז בעשטאנען פון סטאלינ'ען און יעגאראוו'ן, געשיקט קאטאווסקי'ן מיט זיין בריגאדע אנצופאלען אויף די פוילישע רעזערווען, און אויך אט די אויפגאבע האט ער דורכגעפיהרט גלענצענד. קיינער האט זיך נישט געקענט אריינרייסען אזוי קונציג אין א רעזערוו, ווי קאטאווסקי.

ער איז שוין דאן געווען א ביסעל פערעלטערט, אויסגעמאטערט, בלאס און די אויגען זענען ביי איהם געווען געשוואָלען און די שטימע זיינע איז שוין געווען א הייזעריגע, אבער ער האט זיך דאך ווי א וויכער געטראָגען אויף דעם „אדלערעל" מיט די ווייסע פיס, רייטענדיג פאראויס פאר דער בריגאדע. און די קאוואלעריסטען זיינע האבען שוין געהאט א סימן: ווען דאס „אדלערעל" איז לעבעדיג און שפאנט געשמאק, איז א סימן, אז עס וועט זיין גוט, און ווען עס האלט די מאָרדע ארונטערגעלאזען און שפאנט פויל, איז א סימן, אז עס וועט זיין נישט גוט.

יעדען איינעם אין דער בריגאדע האט קאטאווסקי געהאלטען אויפ'ן אויג. און פונקט אזוי ווי ער האט געקענט זיין גוט, אזוי האט ער אויך געקענט זיין שלעכט; פונקט אזוי ווי ער האט געקענט זיין מילד, אזוי האט ער אויך געקענט זיין ברוטאל.

אין דער שלאכט ביי פוזירקאוו, פליהענדיג ווי א וויכער אויפ'ן פערדעל און פערשפריצט מיט בלאָטע, האט ער איינמאל ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל אונטער קריווענקא'ס קאמאנדע אוועקשטעלען אנ'עסקאדראן פונקט דארט וואו די פאליאקען שיסען פון פולעמיאטען. איבערגעגעבען דעם בעפעהל האט ער דורך זיין אדיוטאנט קריווארוטשקא.

קריווענקא איז געווען פון די מענשען, וואס האבען קיין מורא נישט פאר'ן טויט. עס איז איהם אבער געווען א שאד די פערד, איז אנשטאט צו נעהמען מיט'ן עסקאדראן גלייך, האט ער זיך פערנומען אן א זייט.

קאטאווסקי האט דאס גלייך בעמערקט, און ער האט אנגעהויבען שרייען צו קריווארוטשקא'ן:

— העי, וואס געהט ער דארט גאר אין א זייט? זאל ער קנאקען גלייך אין שטערן אריין!

— קנאק, וואניא, אין שטערן אריין! — האט קריווארוטשקא איבערגעגעבען דעם קאמאנדיר'ס בעפעהל צו קריווענקא.

אבער קריווענקא איז אלץ געגאנגען אין א זייט. און דא האט שוין געהאט אנגעהויבען ווערען פינסטערליך און די פאליאקען האבען אלץ געשאָסען פון זייערע פולימיאטען. קאטאווסקי איז בעוווּנט אויסער זיך און ער האט זיך אנגעהויבען בייזערן.

איין קוק אויף קאטאווסקי'ן איז געווען גענוג, אז קריווארוטשקא זאל פערשטעהן, אז עפעס מוז מען דא גלייך טאָן.

— העי, וואניא, — האט ער זיך צושריגען אויף קריווענקא'ן, — כאכאל פאסקודנער!

און טאקע באלד האט ער פערקירעוועט דאס פערד, און צולויפענדיג צו קריווענקא'ן, האט ער איהם מיט דער שווערד געגעבען א שטארקען זעץ איבער'ן קאָפּ.

קריווענקא איז אינטערגעפאלען פונ'ם פערד און ס'איז גלייך געוואָרען א בהלה. קאטאווסקי אליין איז אויך צוגעלאָפען, און באלד האט קריווארוטשקא גענומען דעם עסקאדראן אונטער זיין איי-גענער קאמאנדע און זיך געגעבען א לאָז גלייך אויפ'ן שונא, אונטער'ן פייער פון די פוילישע פולימיאטען.

דער זעץ מיט דער שווערד איז קאטאווסקי'ן נישט געווען צום האַרצען. און שפעטער, ווען קריווענקא איז געזונט געוואָרען, האט קאטאווסקי געזאָגט:

— עס פערשטעהט זיך, אז פאר אזא זאך ווי נישט פאלגען מיין בעפעהל, האט מען געקענט שיסען אויף טויט אויך. אבער נישט ביי אזא געלעגענהייט.

אויף קריווארוטשקא'ן האט שוין באנג געטאָן פאר וואס ער האט קריווענקא'ן מיט דער שווערד דערלאנגט א זעץ איבער'ן קאָפּ. און דערעהדיג זיך וועגען דעם מיט קאטאווסקי'ן, האט ער זיך געהאלטען אין איין זנאכפרעגען אויף קריוועקא'ס געזונט.

ווען קריווענקא איז שוין אינגאנצען געזונט געוואָרען, איז ער געקומען צו קאטאווסקי'ן בעטען, אז מ'זאל איהם איבערפיהרען אין אנ'אנדער רעגימענט. קאטאווסקי האט איהם אויסגעהערט זעהר קאלט:

— אזא פערדרעטער ווי דו, — האט ער געזאָגט, — האט מען געוואָרפט דערשיסען.

דאן איז קריווארוטשקא געקומען צו קאטאווסקי'ן און בריינגענדיג איהם א מתנה א גוטען זאָטעל, האט ער געזאָגט:

— ערלויבט מיר, איך בעט אייך, גריגארי איוואנאוויטש, צוריק צו בעשטימען קריווענקא'ן אלס קאמאנדיר פונ'ם עסקאדראן.

— טו ווי דו ווילסט, — האט קאטאווסקי זיך נישט געשפאַרט. — מיט מיר קעהר זיך דאס נישט אן.

או קריווענקא איז צוריק געוואָרען דער קאמאנדיר פונ'ם עסקאדראן.

— איצט וועט ער שוין פאלגען, — האט קריווארוטשקא געזאָגט. — דורך דעם שפאלט, וואס איך האב איהם געמאכט אין קאָפּ מיט'ן שווערד, איז איהם די מאנקאליע אינגאנצען ארויס.

קיינער האט זיינע זעלנער נישט געקענט איינצומען אזוי ווי קאטאווסקי האט דאס געטאָן. זיינע סאלדאטען האבען איהם ליב געהאט און אין דערזעלבער צייט האבען זיי מורא געהאט פאר איהם.

נאך א שלאכט ביים שטעטעל בושאווצי האט קאטאווסקי איינמאל דערזעהען ווי איינציגע רייטער פון זיין קאוואלעריע טראגען טייערע פיטער'ס אויף די שינעלען. דאס האט איהם גלייך אונטערגעטראָגען, ווייל ער האט פערשטאנען, אז דאס האבען די אווראי אנגעראבעוועט, און דיצענדיג רייטענדיג אויף זיין „אדלער'ל" האט ער אויף זיי אנגעשטעלט די גזל'בישע אויגען זיינע אזוי שארף, אז זיי האבען זיך אלע דערשראקען.

— וואס זענען דאס פאר א פוטערס? — האט ער זיך צושריען. — ארויסשלאגען וועל איך פון אייך דעם גייסט פון מאכאבס באנדעס.

סאלדאטען, וואס האבען נישט געפאלגט האט קאטאווסקי אליין דערשאָסען אויף טויט. מ'זאגט אבער, אז יעדען מאל ווען ער האט אליין דערשאָסען איינעם אָרעמער עטליכע זעלנער פון זיין ארמעע, האט ער שטארק געליטען דערפון, און פערשפארעדיג זיך אליין אין שטוב, האט ער ווי א צומישיגער געשפאנט הין און צוריק, בייסענדיג די נעגעל פון די פינגער און זידלענדיג זיך אויף מאלדאוואניש.

— א רוח אין דייער'ס מאמע'ס מאמען אריין!..

אין זיין בריגאדע איז קאטאווסקי געווען נישט נאר א קאמאנדיר, נאר אויך א ריכטער, א פיהרער — די מלוכה. פון איהם האט זיך אין דער בריגאדע אנגעהויבען די מאכט און מיט איהם האט זי זיך געענדיגט. און אין די קליינע שטעטלעך, וואו ייִדען וואוינען האט מען שוין געוואוסט, אז אויב מ'איז נישט אלע מאל זיכער מיט בוריאני'ס קאוואלעריע, איז מען אבער שטענדיג זיכער מיט קאטאווסקי'ס קאוואלעריע. זיינע רייטער וועלען קיינמאל נישט ראבעווען, ווייל דער קאמאנדיר האט דאס שטרענג פערבאָטען.

די פסיכאלאגיע פון זיינע רייטער האט קאטאווסקי גוט געקענט און ער האט זיי דערייבער יא ערלויבט צו געבען א ראבעווע פון צייט צו צייט, אבער — נאר רייכע, נישט קיין אָרימע. און די, וואס האבען געראבעוועט ביי אָרימע פויערים, אדער ביי אָרימע יודען, אין די שטעטלעך און אין די דערפער, האט ער אליין מיט'ן רעוואָלווער דערשאָסען אויף טויט.

אנ'אפעטיט צום עסען האט קאטאווסקי געהאט א גרויסען. אבער פאר א שלאכט האט ער קיינמאל נישט געגעסען און נישט געלאָזט די סאלדאטען עסען. פערהיקענדיג זיך האט ער מיט זיין שטאמלענדער באסאווער שטימע געשריען אויף זיי אזוי:

— ב-ב-ב-באנדיטען! צ-צ-צו יו-וו-וואס עסען? עס טרעפט א ק-ק-קויל און אלעס איז ק-ק-קאפוט!..

זיין ליבע צו גימנאסטישע איבונגען האט ער נישט פערנאכלעסיגט אפילו אויף דער מלחמה. אלע קאמאנדירען זיינע האבען געמוזט מאכען גימנאסטישע איבונגען.

„א געזונטער גוף — א געזונטער קערפער, — פלעגט ער זאָגען, — איז די שענסטע זאך אין דער וועלט"!

ווען קאטאווסקי איז מיט זיין בריגאדע נאך א שלאכט אריין אין דעם יודישען שטעטעל כאבני, האט ער אלע קאמאנדירען זיינע צונויפגערופען אין בית המדרש, ווייל קיין אנדער גרויסע געביידע איז אין שטעטעל נישט געווען, און דארטען האט ער פאר זיי געהאלטען א רעדע וועגען דער נייטיגקייט פון גימנאסטיק. ווען ער האט געענדיגט די רעדע, האט ער אלעמען געהייסען אויסטאן זיך, ער אליין האט זיך אויך אויסגעטאן און עס איז אוועק א גאנג:

— „אז... דווא... טרי!..."

דאס איז געווען אום ווינטער. אין דרויסען איז געווען זעהר קאלט, האט קאטאווסקי געהייסען עפענען די פענסטער אינ'ם בית-המדרש, און ווען די קאמאנדירען האבען זיך געקלאגט דערויף, וואס ס'איז קאלט, האט ער זיי געזאָגט, אז ס'איז גוט אזוי, און נאכדעם ווי מ'איז פארטיג געוואָרען מיט דער גימנאסטיק, האט ער געהייסען, אלע זאלען זיך אפגיסען דאס ליב מיט קאלטער וואסער.

— שטעלט זיך אלע אויס דא, — האט ער די קאמאנדירען אנגעוויזען אויפ'ן כיור — און גיסט זיך אפ מיט קאלטע וואסער. נישקשה, גאט וועט נישט זיין בייז.

ווען ער האט זיך געכאפט, אז איינער פון זיינע קאמאנדירען איז נישט געקומען אין בית-המדרש מאכען גימנאסטיק, איז ער אוועק צו איהם אהיים, און דארטען האט ער איהם דן שלאפענדיגען אפגעגאסען מיט א גאנצען עמער קאלטע וואסער.

און אין דער פריה זענען שוין אלע געזעסען אויף די פערדלעך פרישע, אויסגעבאדעטע, אויסגערוהטע, און די גאנצע בריגאדע האט זיך געלאזט מארשירען ווייטער, און דער ציל איז געווען — זיך אריינרייסען קיין לעמבערג.

(ווייטער קומט).

Dr. Z. RAKOWSKI

ספעציאליסט פאר
אויערען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען
11 ליסטאפאד 9 (קאנסטאנטינער)
טעל. 127-81
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7
נעמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 11—2
אין כעלמיפון 8—9 פריה.

Dr. med. RACHELA LEWI

ספעצ. קינדערקראנקהייטען
האט זיך אריבערגעצויגען
אויף שרודמיעסקא 27
(פריהער ציגעל-גאס 6) טעל. 142-72.

געריכטס-אפצאהלונגען און שטראף-פראצעסען

[illegible]

אפעלירט אין דער צווייטער אינסטאנץ און דער פסק-דין פון דער ערשטער אינסטאנץ איז בעשטעטיגט געוואָרען, ווערט גענומען פון איהם א געריכטס-אפצאהל פאר דער צווייטער אינסטאנץ אין א דאפעלטער מאס ווי ס'בעטרעפט דער געריכטס-אפצאהל פאר דער ערשטער אינסטאנץ, דאגעגען אויב דער פסק-דין איז דורך דער צווייטער אינסטאנץ יא געמילדערט געוואָרען, ווערט פאר דער דאזיגער אינסטאנץ גענומען א געריכטס-אפצאהל אין בעטרעף פון א העלפט פון אפצאהל פאר דער ערשטער אינסטאנץ.

אין דער זעלבער מאס ווערט גענומען אנ'אפצאהל פאר משפטים בעטראכטע דורכ'ן העכסטען-געריכט.

ס'דארף בעמערקט ווערען, אז אין אנגעגעבענעם חשבון גייען נישט אריין ספעציעלע געריכטס-קאסטען.

אויב דער אנגעקלאגטער ווערט בעפרייט און די אנקלאגע האט אריינגעטראגען א פריוואט אנקלאגער, דארף דעקען די פראצעס-קאסטען דער זעלבער אנקלאגער, אין פאל פון בעפרייאונג פון אנ'עפענטליכע בעשולדיגונג, וועלכע איז אגב אונטערגעהאלטען געוואָרען אויסשליסליך דורכ'ן בעוואָלה'טען, צאהלט די געריכטס-קאסטען דער געגעבענער בע'עוולה'טער.

ביי אנוולירטע פראצעסען צוליב פערגלייכן דעקען די געריכטס-קאסטען ביידע צדדים סאלידאריש דעסגלייכען טראגען סאלידארישע פעראנטווארטליכקייט פאר די געריכטס-קאסטען אין פאל, ווען ס'טרעטען ארויס אין פראצעס עטליכע אנקלאגער אדער ס'זענען פארהאן איינציגע אנגעקלאגטע.

בכלל איז א פריוואט אנקלאגער מחויב ביים אריינטראגען די אנקלאגע תיכף איינצוצאהלען אויפ'ן חשבון פון די עווענטועלע געריכטס-קאסטען, אויב ס'האנדעלט זיך אין שטעטישען געריכט א סומע פון 20 זל. און אויב ס'גייט וועגען קרייז-געריכט א סומע פון 50 זלאטעס.

פערשטייט זיך, אז א פערמשפט'ער לויט א פריוואטע אנקלאגע מוז א חוץ די אלג. אפצאהלונגען אויך אומקעהרען די דערמאנטע אריינגעטראגענע דורכ'ן פריוואט-אנקלאגער קאסטען.

דאס געריכט קאן דעם פערמשפט'ען אדער אנ'אנקלאגער טיילוויין אדער אינגאנצען בעפרייען פון די געריכטס-קאסטען, אויב דאס אויפמאהנען וועט זיך זעהר שלעכט אפרופען אויף זיין אדער זיין משפחה'ס מצב צוליב די זעלבע טעמים קאן אויך דאס געריכט אדער דער פראקוראר אפלייגען דאס אויפמאהנען אדער צולייגען די שולדיגע סומע [illegible] רעטעס, אלענפאלס נישט לענגער, ווי אויף 1 יאהר.

—לד.

היינט פרעמיערע!
מעכטיגער דראמאטישער פילם פון לעבען
פון אינטריגאנט-מניך — ניסט נעקרוינטער
צאר פון רוסלאנד א. ג.
אין די הויפט-ראָלען:

„ראספוטין"

Conrad Veidt, Bernard Goetzke, Elza Tamara

דראַמע פון פינסטערניש. גרויל און אויסגעלאַסענקייט. געשפּילט אויפ'ן גרונד פון אויטענטישע כתבֿ-ידן זאָווי מיטאַרבייט פון נצעוזונג אַנפירער. רעזשי: אדאלה טראסק.
אויסערן פּראָגראַם: קלאנג-צוגאבע און לאַנד-אקטואליטעטן.

אנהויב אין גאַנג. טעג 4.30 נאָכמיטאָג, שבת און זונטאָג 1 בייטאָג.

פאלקסגעזונט

אילוסטרירטער פאפולער-וויסנשאפטליכער זשורנאל פאר היגיענע און מעדיצין

צענטראַל-אָרגאַן פון דער געזעלשאַפט צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג „טאָז" — „אזע"
אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר מעד. צמח שאַבאַד (ווילנע)

אינהאַלט: .... 11-טער יאָהרגאַנג.

מיטלען קעגן אַפּעריטוגגען (מיט 2 בילדער) ד"ר גראַסמאַן (מינכען); נישט נאַרמאַלע מאָנאַטלעכע בײַ פרויען — ד"ר ש. חון (גראָדנע); הונגער און אַפּעטיט — ד"ר צ. שאַבאַד; וואָס ווייסט אונדז די בעלייִגטע צונג?— פּראָפ. י. באָאַס (בערלין); ווי דאַרף מען זיך פּיהרן ווינטערצייט — ד"ר פּ. שערד; צו אונזערע לייענער — צ. ש.; וואָס איז אַזוינס אָדענאָידן? — ד"ר ע. קרימסקי; געדאַנקען וועגן פּסיכאָלאָגיע; מעדיצינישע חומענטאַט — ד"ר ל. יאַקובזאָן (פּינסק); היט זיך פון גריפּע! (מיט 4 בילדער) — *.*; מעדיצינישע אַפאָריזמען: ווי פאַרהיט מען די נעגל פון קראַנקהייטן? — פּראָפ. ה. פריי שפּײַז-רעצעפּטן; בריפקאַסטן (מעדיצינישע עצות; מודעות.

שנורוואַרדע-מאַשינען

בענוצטע אין גוטען צושטאַנד זוך איך צו קויפען.
אָפערטען אונטער „שנורוואַרדע-מאַשין". 869

א מיכטיגער

יונגערמאן,

געאַרבייט אַ לענגערע צייט אין דער טעקסטיל-בראַנזשע, זוכט וואָס עס איז פאַרע בעשעפטיגונג פאַר אַ גאַנץ קליינעם לוין. קען אויך זיין צו פיזישע אַרבייט אָדער צו נאַכטיגען אין אַ געשעפט. בעסטע רעפערענצען. אָפערטען אין אַדמ. פון דער צייטונג אונטער „P. 100".

שייטלען

מיט פאַריזער שרינגען
ווי אויך פערטיגע שייטלען
ווערען ערשטקלאַסיג און רעיעל אויסגעאַרבייט
צו ביליגע פּרייזען
-- אין אנדולאציע --
ביי קערש, סקווערא 15

מאשין-לעדער

ווערן אנגענומען אויסצונייען ביי
ג. נארדמאן, שרודמיעסקא 8

„געז. ביבליאטעק

א. איידזענשלאס"

א.ג.
לימאַנאָווסקיעגא 15
איז טעטיג אַ גאַנצע וואָך (א חוץ דינסטאָג)
פון 7 ביז 10 אין אָוונד.
חודש-אָבצאָהל 80 גר., אַרבייטסלאָזע — 50 גר.

אויטאָגענישע שווייסונגען
מעטאַל-בעאַרבייטונגען
שלאָסערײַ-אַרבייטען
מאַשינען-טיילען
פיהרט אויס ביליג

J. REDER, Łódź
קאָנסטאַנטינער 11/13

Dr. med.

H. Różaner

הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען
NARUTOWICZA 9, tel. 128-98
עמפפאַנגט פון 8–10 און פון 5–8 אָוו.

קליינע אנאנסען

1 זלאָטי
אַנאָנס ביז 15 ווערטער

פרייע באַמטונג

אַ לעכער-נייהער מיט אַן אייגענער מאַשין ווערט געזוכט
Heller, Piotrkowska 116 mieszk. 48.
594

לאָקאַלן

צוויי עלעקטרישע מאַנגלען צוזאַמען מיט דער וואוינונג אין אַ גוטען פונקט איבערצוגעבען
זשעלאָגנאַ 28.
586

קויף און פארקויף

אַ מאָטאָר אַ 2-פערדע-קראַפט אין גוטען צושטאַנד ווערט געזוכט צו קויפען. אָפערטען אין אַדמינ. אונטער „J."

URODONAL

CHATELAINA

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczysz. wątrobę i stawy, łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo ul. Fredry 4 Warszawa

ארטאפעדישער אנשטאלט

באַנדאַזשן, קאָרסעטען, אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען אַלער אַרט, לייכטע פּלאַטפוס אייגלאַגען געגען פּלאַטפוס-שמערצען אַלס נאָך גיפּס-אַבדרוק.

Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović
פּיעטריקאָווער 119, טעל. 231-81.

פישער

פאַר פּראַקטישע אָנשטאַלטען דרוקערייען און צעראַגנצן עמבלעמען
די איינציגע אַרטיסטישע פּרעקאַראַטיס אין לאָדז

פּיעטריקאָוו 104
טעל.: 241-24
„געצלעמט"

רענטגען-צימער

זגערזשער 17
נעהמט אָן קראַנקע אין אַלע ספּעציאַליטעטן
פון 9 פריה ביז 7 אַ זייגער אָוונד.

וויזיט 3 זל.

לאַנג-יעהריגער

געריכטס-סעקרעטאר

שרייבט און ערלעדיגט אַלערליי בִּיטעס, אַנקלאַגעס און קלאַוזולעס

ספּעציאַליסט אין מיליטער-ענינים
ווי אויך אין שרייבען בִּיטעס פאַר איינציגע שפּייזערס (אַפּיצקאַנסטווע). שנעלער אויסקויף פון פּאַטענטען און רעגיסטראַציע-קאַרטען אויפ'ן יאָהר 1933

ב. מאז פּעטריקאָווער 10

א מאָטאָר

איין פערד-קראַפט אין גוטען צושטאַנד ביליג צו פאַרקויפען.
פלאָריאַנאָווסקא 2,18, טוירער פּאַרטער, וו. 51.

Ciężar Kryzysu

odczuwają tylko firmy nie rozumiejące potrzeby ogłaszania się

Celową reklamę przeprowadza jedynie

AKWIZYCJA OGŁOSZEŃ

FUCHS'a
Piotrkowska 50
Tel. 121-36

Dr. med. **Haltrecht**

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 10, טעל. 245 21
נעהמט אָן פון 8 ביז 11 פריה, פון 1 ביז 2 מיטאָג און פון 5–9 אָוונד. זונטאָג פון 10–1 בייטאָג.
פאַר אַרבייטסלאָזע לעטשניצע-פּרייזען

Dr. med. **L. Berman**

צעגעלניאַנא 15 טעל. 149-07.
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע בעהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג
נעהמט אָן פון 8–11 פריה און פון 4–8 אָוונד, זונטאָג פון 9–1 בייטאָג.
פאַר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע-פּרייזען.

Dr. **S. Kantor**

ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראַנקהייטען
וואוינט יעצט אויף
PIOTRKOWSKA 90, tel. 129-45.
נעהמט אָן פון 8–2 נאָכמיטאָג און פון 4 9 אָוונד, זונטאָג און יום-טוב פון 8–2 נאָכם.

Dr. med. **NIEWIAŻSKI**

ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעמט אָן פון 8–11 און פון 5–9 אָוו.
זונטאָג און יום-טוב פון 9–1 פאַרמ.
בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Laboratorjum Chemiczno-Bakterjologiczne
Inż. Chem. **F. SZAC**
ul. Piotrkowska 37, tel. 230-85
Wszelkie analzy przemysłowie: wody, mydła, oleiny, artykułów spożywczych itd.
Ceny zniżone

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען

זאוואדזקא 1.

נאָר פאַר וועגערישע הויט-קראַנקה. און מענער-שוואַכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער. קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערווען-קראַנקהייטען.
קוואַרץ-לאַמפּ. עלעקטרישער הייל-קאַבינעט קאָסמעטיק.
-- טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונד. --
פון 11 ביז 12 ביי טאָג און פון 2 ביז 3 נאָכמ. נעמט-אָן אַ פרוי-דאָקטאָר נאָר קינדער און פרויען
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.
– בעזונדערער וואַרטע-צימער פאַר פרויען

וויזיט 3 זל.

צאהן-ארצט

J. ROZIN-REICHOWA

זגערזשער 15 15
נעהמט אָן פון 10–2 מיטאָג און 4–7 נאָכמ.
צו לעטשניצע-פּרייזען.

כירורגיש- וועכנערין-קליניק

„SANATO"

S. Z O. O.
אַגראַדאָווא 10 טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאַס
געבורטען II קל. 175 זל.

אנאנסען-פרייז פאַר אַ מילימעטער שורה
פאַר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ערב-יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפּאַלטען
אין טעקסט—40 " " " " " 60— " " " " " 4 "
נאָכ'ן טעקסט—12 " " " " " 18— " " " " " 8 "
אויסער דער שטאָדט 50 פּראָצ. טייערער, אויסלאַנד 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. אַ וואָרט

נעקראָלאָגען 20 גר. אַ מ/מ (אין דער ז-טע 8 שפּאַלטען) קליינע אַנאָנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס ווייטערדיגע וואָרט — 10 גר.

אבאנאמענטס-פרייז:
אין לאָדז — 4 זלאָטעס אַ חודש מיט אָפּטראָגען אַ היים. אויף דער פּראָווינץ — 5 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד 7 זל. אַמעריקא—1 דאָל.

פּעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פּרינציפּיעל דעם אינהאַלט פון דער אַנאָנס בערעכטיגען נישט צום איבערדרוקען די אַנאָנס אָדער צוריקצוצאָהלען פאַר דעם אַנאָנס

פאַר'ן אינהאַלט אין סדר מין פון די אַנאָנסען איז דער פאַרלאַג נישט פאַראַנטוואָרטליך. די אַדמינ. איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט.

Ze wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.